YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i05

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 5
January 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 5)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/111

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. III, No. 5. | New York, Friday, Jan. 28, 1921. פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, | PRICE 3 CENTS

דרעס מייקערס אין ניו יארק גרייטען זיך צו א גענעראל־סטרייק

היינט־מארגען, מיר וויסען נאך אליין ניט דעם באשטימטען טאג — דאס וועט באשטימען דער דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע אויף זיין מיטינג דעם פרייטאג — וועלען די טויזענדע און טויזענדע דרעסמאכער פון ניו יארק פארלאזען די שעפער, וואו זיי ארבייטען, און וועלען ארויסגעהן אויף א סטרייק.

די גרעסטע צאהל סטרייקער וועט ניט לאנג בלייבען אין דרויסען. זייער ארויסקומען פון די שעפער האט מעהר דעם כאראקטער פון א דעמאנסטראציע, ווי פון א סטרייק. ווייל די גרעסטע צאהל ארבייטען אין די שעפער פון דער דרעס־מאנופעקטשורערס אסס'ן, און מיט די איז שוין דער דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע כמעט ווי משוה געווארען. עס איז אויסגעארבייט געווארען אן אגרימענט, וועלכער געפינט די פולסטע צושטימונג סיי פון די ארבייטער און סיי פון די בעלי בתים, און אלעס, וואס פעהלט אויף דעם אגרימענט, איז די אונטערשריפט פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן.

דאס אלעס וועט געשעהן אין די ערשטע טעג פון סטרייק. די ארבייטער וועלען אין די פאר טעג זיך באארגנען אויף דאס ניי מיט יוניאן־קארדס, און זיי וועלען געהן צוריק צו דער ארבייט אויף די בעסטע באדינגונגען, וועלכע מען קען ערווארטען. מיר זיינען אבער זיכער, אז אויך די דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן וועט ניט חרטה האבען פאר איהר אונטערשרייבען דעם אגרימענט, כאטש זי ווערט אויפגעהעצט און פראוואצירט פון די מאנופעקטשורערס, וואס האבען געהערט אמאל צו די וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, און וועלכע האבען פארלארען די לעצטע ביסעל בושה און אפגעבראכען דעם אגרימענט, וואס זיי האבען זיך פארפליכטעט אנצוהאלטען.

די דרעס מאנופעקטשורערס פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן וויסען גאנץ גוט, וואס זיי טוען. זיי וויסען, אז עס לוינט זיך צו באגעהן ערנטליך מיט די ארבייטער, אז עס איז זיכער ניט

(שלוס אויף זייט 14)

צוויי וויכטיגע באשליסע פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

וויכטיג און פיעל אין צאהל זיינען די באשליסע, וועלכע אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אנגענומען אויף זיין דריטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין באסטאן. מיר וועלען זיי אלע איבערגעבען אין די נעקסטע נומערן „גערעכטיגקייט". דערווייל אבער זאלען דא איבערגעגעבען ווערען צוויי באשליסע, וועגען וועלכע אונזער מעמבערשיפ דארף שוין וויסען, ווייל עס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אז זיי זאלען וואס שנעלער אויסגעפיהרט ווערען.

דער ערשטער באשלוס איז, דאס יעדער מעמבער פון אונזער אינטערנעשאנאל זאל געטעקסט ווערען מיט אן אסעסמענט פון איין דאלאר 50 סענט, און אז דאס געלד זאל גלייך אויסגעצאהלט ווערען פון די טרעזשורערס פון די פארשידענע לאקאלס צו דער אינטערנעשאנאל.

די פראגע וועגען דעם אסעסמענט איז שוין פארגעבראכט געווארען אויף דעם פאריגען פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דעם ג. ע. ב., אבער עס איז אפגעלייגט געווארען, ווייל מען האט נאך אלץ געהאפט, אפשר וועט די אינטערנעשאנאל קאנען אויסקומען אהן דעם. אבער דער לעצטער רעפארט פון דזשענעראל סעקרעטער און טרעזשורער אב. באראף האט פעסטגעשטעלט דעם פאקט, אז כדי די אינטערנעשאנאל זאל קאנען טאן איהר וויכטיגע ארבייט אזוי גוט און אזוי אונגעשטערט, ווי מעגליך, מוז דער אסעסמענט ארויפגעלייגט ווערען אויף די מעמבערס. קיין אנדער אויסוועג איז ניטא.

דער צווייטער באשלוס איז ניט ווייניגער וויכטיג, און עס איז צו האפען, אז יעדער מעמבער פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואו ער זאל זיך ניט געפינען, וועט טאן זיין פולע פליכט.

עס האנדעלט זיך דא וועגען דעם סטרייק פון דער אמאלגאמייטעד קלאטהינג ווארקערס יוניאן אוו אמעריקא אין ניו יארק.

עס איז ניט קיין פראגע, אז די שניידער נויטיגען זיך אין הילף, און זיינען פול בארעכטיגט צו דער גאנצער הילף, וועלכע מיר, זייערע פארבינדעטע, זייערע ברידער און שוועסטער, קענען זיי געבען. די פראגע איז נאר, ווי מיר קאנען וואס שנעלער און וואס ענערגישער זיי געבען אונזער הילף.

צוערשט האט פרעזידענט שלעזינגער אין זיין רעפארט, ווי די לעזער וועלען עס זעהען אויף אן אנדער פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט", פארגעשלאגען אלס ערשטען ביטראג צו די סטרייקענדע שניידער די סומע פון 100 טויזענד דאלאר.

נאך א לענגערער דעבאטע, אין וועלכער אלע האבען ארויסגעזאגט די מיינונג, אז מיר מוזען שטעהן ביי דער אמאלגאמייטעד מיט אלץ, וואס מיר קאנען, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען דער באשלוס, אז יעדער מעמבער פון דער אינטערנעשאנאל זאל ביישטייערן צום סטרייק פון די שניידער **צוויי שטונדען ארבייט.**

אויב נאר יעדער מעמבער וועט טאן זיין פליכט, מוז דער באשלוס ברענגען צום סטרייק ניט ווייניגער ווי א פערטעל מיליאן דאלאר.

די צייט, באשטימט פאר דעם ביטראג פון צוויי שטונדען ארבייט צו גונסטען פון די סטרייקענדע שניידער דארף יעדער לאקאל באשטימען פאר זיך. פארשטעהט זיך, אז די באשטימטע צייט מוז זיין גינסטיג פאר די סטרייקער, ד. ה. דער ביטראג מוז געמאכט ווערען אין א צייט, ווען די מייסטע ארבייטער אין אונזערע אינדוסטריען האבען ארבייט.

אויך איז באשלאסען געווארען צו דרוקען צוליב דעם א ספעציעלען סטעמפ, אזוי, דאס עס זאל קיין ספק ניט זיין וועגען דעם געלד, וואס וועט אריינקומען פאר דעם צוועק.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ערווארטעט, דאס אלע אונזערע לאקאלס וועלען מיט גאר א באזונדערען חשק נעהמען זיך אויסצופיהרען דעם באשלוס, און דאס די האפנונג, אז א פערטעל מיליאן דאלאר וועט געשאפען ווערען פאר די סטרייקענדע שניידער, וועט ווערען א ווירקליכקייט אזוי שנעל ווי מעגליך.

פאזיטיוו די לעצטע התראה צו די באסטאנער קלאוק מאנופעקטשורערס

די באסטאנער קלאוקמאכער ווארטען אומגעדולדיג אויף דעם סטרייק־סיגנאל.

די באסטאנער מאנופעקטשורערס, קליין און אומבאדייטענד ווי זיי זיינען קוואליטאטיוו, ווי אויך קוואנטיטאטיוו, האבען, ווי עס ווייזט אויס, פלייסיג שטודירט די תורה פון גערי, דעם פרעזידענט פון שטאל־טראסט, און האבען דורך א בריף געלאזט וויסען זייערע ארבייטער, ...

... געוועזען פול געפאקט מיט די קלאוקמאכער פון באסטאן, און נאר דער ווער עס איז געוועזען אויף דעם מיטינג, און האט צוגעזעהן מיט וועלכער באגייסטערונג עס איז אויפגענומען געווארען יעדער ווארט פון קאמף, קאן האבען א ריכטיגען באגריף וועגען דער שטימונג פון די קלאוקמאכער אין באסטאן.

עס איז אנגענומען געווארען א שטארקע רעזאלוציע פאר א סטרייק אין פאל די מאנופעקטשורער וועלען אין דער לעצטער מינוט ניט חרטה האבען אויף זייער נארישע האנדלונג.

אום צו געבען די מאנופעקטשורער נאך א מאל די געלעגענהייט חרטה צו האבען, כדי א סטרייק זאל אויסגעמידען ווערען, האט פרעזידענט שלעזינגער דיזע וואך ארויסגעשיקט צו יעדען מאנופעקטשורער אין באסטאן פאלגענדען בריף:

„איך שרייב צו אייך דיזען בריף, גלויבענדיג, אז עס איז נאך אלץ דא א מעגליכקייט צו פארמיידען א סטרייק אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין באסטאן, און אויסצוארבייטען א צופרידענשטעלענדען אפמאך צווישען ביידע פאראינטערעסירטע צדדים.

„אין דעם „אנאנסמענט צו אונזערע ארבייטער" פון דעם 7טען יאנואר, האט איהר ערקלערט, דאס דער סיסטעם פון פארהאנדלען מיט אייערע ארבייטער דורך דער יוניאן איז ניט געווען קיין ערפאלג. איך גיב צו, אז אזוי איז עס טאקע געווען. איך וויל אבער באמערקען, אז שולדיג אין

(שלוס אויף זייט 6)

לעצטע אנשטרענגונג אין פילאדעלפיא

פרעזידענט שלעזינגער וועט מאכען דעם לעצטען פארזוך צו ברייננגען די פילאדעלפיער וויסט מאנופעקטשורער צום געדאנק, אז די יוניאן וועט ניט און קאן ניט איינשטימען צו א רעדוצירונג פון ווייזשעס; אז דאס איז העכסט־אונגערעכט, ווייל דער פאלען פון פרייזען אויף געוויסע ארטיקלען באריהרט זעהר ווייניג די קאסטען פון די לעבענסמיטלען פון די ארבייטער, און דארום קאנען די ארבייטער ניט דערלאזען איצט צו א רעדוצירונג פון זייערע ווייזשעס, וואס דאס מיינט ניט קיין אנדער זאך, ווי א רעדוצירונג פון זייער לעבענס־סטענדארד, וועלכער איז בשום אופן ניט צו הויך.

אין די לעצטע עטליכע וואכען האט שלעזינגער געהאט פילע קאנפערענצען מיט די וויסט מאנופעקטשורערס. שווער און ביטער האט ער מיט זיי געקעמפט, און זיי געוויזען די אונפארנונפטיגקייט פון זייערע פאדערונגען. זיי האבען אין אנפאנג פארלאנגט א פארגרעסערונג פון די ארבייטס־שטונדען פון 44 אויף 48; דאס נאך ווייניג, האבען זיי פארלאנגט דאס אבסאלוטע רעכט אפצוזאגען אן ארבייטער, און ניט דארפען אפגעבען קיינעם קיין דין וחשבון, באזונדערס האבען זיי געוואלט, אז ווי באלד אן ארבייטער סטאפט פון דער ארבייט, האט ער דערמיט זיך אזוי פארזינדיגט, אז ער האט פארלארען יעדעס רעכט אויף זיין דזשאב, און דער באס קען איהם סעקען אהן אירגענד וועלכע ערקלעהרונגען.

עס האט גענומען לאנג ביז שלעזינגער האט די וויסט מאנופעקטשורערס געמאכט איינזעהן, אז זיי קענען עס ניט האבען, אז די יוניאן וועט קעמפען ביי איהר לעצטען אטעם־צוג פאר די רעכטע פון די ארבייטער.

ענדליך, נאך פילע קאנפערענצען האבען די מאנופעקטשורערס צוריקגעצויגען זייערע אריגינעלע פאדערונגען. זיי שטעהען אבער פעסט אויף דער רעדוצירונג פון 10 פראצענט ווייזשעס פון זייערע וואך־ארבייטער.

די דאזיגע לאגע אין פילאדעלפיא איז ערנסט באשפראכען געווארען אויף דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באסטאן, און עס איז באשלאסען געווארען, אז פרעזידענט שלעזינגער זאל מאכען נאך אן אנשטרענגונג, די לעצטע, מיט די וויסט מאנופעקטשורערס, און אויב עס וועט אנדערש ניט מעגליך זיין, איז ער בארעכטיגט ארויסצורופען א סטרייק אין דער גאנצער וויסט אינדוסטריע אין פילאדעלפיא.

בעת די ציילען ווערען געשריבען, איז פרעזידענט שלעזינגער אין פילאדעלפיא. די נעקסטע פאר טעג, און אפשר שטונדען, דארפען ענטשיידען. אדער די מאנופעקטשורער וועלען ענדליך איינזעהן, אז זיי פאדערען עטוואס, צו וואס די אינטערנעשאנאל קען ניט איינשטימען, און זיי וועלען נאכגעבען, אדער די גאנצע וויסט אינדוסטריע וועט פארוויקעלט ווערען אין א שטארקען און ביטערען קאמף.

די ברירה איז איצט פאר די באסעס. די יוניאן, פון איהר זייט, האט אנגעווענדעט אלע איהרע כוחות, אום צו פארמיידען א קאמף.

קלאוקמאכער, אויף דער וואך!

די צוויי שטעדט, טאלידא און סינסינעטי, אהייא, קענען זיכער ניט גערעכענט ווערען צווישען די גרויסע צענטרען פון דער קלאוק אינדוסטריע. אבער דאך ווערען אויך דארט געמאכט א היבש ביסעל קלאוקס, אזוי אז ביז איצט האבען עטליכע הונדערט קלאוקמאכער דארט געמאכט א לעבען.

אבער דאס האט אפנים פארדראסען א פאר גרויסע מאנופעקטשורער, און אין דער לעצטער צייט האבען זיי זיך אנגעהויבען צו דראפען אויף די גלייכע ווענט. זיי האבען אנגעהויבען זיך בריקענען קעגען וואך־ארבייט, האבען זיך ארייננענרמען אין קאפ ניט אנדערש, ווי „ווארקינג סטענדערדס" און נאך אזעלכע מעשות, וועלכע מאכען די גאנצע סיסטעם פון וואך־ארבייט צו נארנים.

אין דער קאנטרי זיינען אט דיזע

(שלוס אויף זייט 14)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 5.

זייט 2. די וואך — מ. דעניש. ערשטער מיטינג פון לאקאל 22 — ס. סאנדלער.
זייט 3. צוויי מיטינגען פון דער דזשוינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע — מ. ק. מאקאוו. וואס הערט זיך אין לאקאל 3 — ס. שאצבערג.
זייט 4. פינאנס רעפארט פונ'ם דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — מ. סאנדלער. מיטינג פון דזשוינט באארד קלאוקמאכער יוניאן, ל. לאנגער, סעקרעטאר. קלאוקמאכער, אויפמערקזאם — ל. רובין.
זייט 5. איז אין די אפען שעפער דא מעהר ארבייט ווי אין די קלאוזד שעפער? — ס. סעמיועלס. בלייב אליין (ליעד) — נחום י. ווען דער הימעל איז פארוואלקענט (שטימונג) — דזש. העלער.
זייט 6. ביי די רייבקאוט מייקערס אין שיקאגא — ש. שניידער. ביי די רייבקאוט מייקערס אין באסטאן — פ. מיונסאן.
זייט 7. די פרויען פון די טויטע — נ. האטארן. אידיש — נ. פאמעראנץ.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 9. די גרויסע דעבאטע — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. ארבייטער יוניאנס און אנטי־טראסט געזעצגעבונג — מ. קאלטשין. צוריק אין דול־הויז (פעליטאן) — אווערטשענקא (איבערזעצט פון דר ק. ליא).
זייט 11. די ארבייטערשאפט און דאס פובליקום — אברהם טובים. אונזער אויפגאבע אויף דער פראווינץ — אלעקסאנדער טראכטענבערג.
זייט 12. קורצע שמועסען. בריף.
זייט 13, 14, 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. מיטינג פון לעהרער פערסאנאל. דער אגרימענט פאר דער דרעס אינדוסטריע. [illegible].

אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל טעטיגקייט

א נייער קורס אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט

די צאהל סטודענטען פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט איז אזוי געוואקסען, אז א נייער קורס איז געגרינדעט געווארען, וואס וועט געגעבען ווערען יעדען שבת 2:30 נאכמיטאג. דער קלאס וועט געפיהרט ווערען פון ספענסער מילער, דזשוניאר, פון קאלאמביא יוניווערסיטי. דער קורס וועט אנגעהן ביז ענדע יאהר און וועט שטודירען די „קרעפטען פון דער מאדערנער ציוויליזאציאן“. די סטודענטען פון דיזען קלאס וועלען אנאליזירען די אינדוסטריעלע, פאליטישע, ראסען און סאציאלע כחות, וועלכע האבען געווירקט אין דער פארגאנגענהייט און וועלכע האבען געבילדעט אונזער געזעלשאפט ווי זי עקזיסטירט יעצט.

עס איז גרינג צו פארשטעהן ווי וויכטיג אזא קורס איז פאר יעדען ארבייטער, וועלכער זוכט גרינדליך צו פארשטעהן די ארבייטער באוועגונג. דער קורס וועט זיכער צוציהען פילע פון אונזערע ארבייטער, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

מיטגלידער, וועלכע ווילען זיך פארשרייבען פאר'ן קורס, זיינען איינגעלאדען צו ווענדען זיך אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, אדער נעקסטען שבת, 2:30 נאכמיטאג, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול.

קלאס וועגען די יעצטיגע ענטוישונגען אין באצוג צו עקאנאמישע פראגען.

די סטודענטען פון מיס סקריבנער'ס קלאס האבען די וואך פארהאנדעלט וועגען דעם וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט פאר'ן קירצערען ארבייטס־טאג. אן ארטיקעל, וואס איז ניט לאנג ערשינען אין דעם ענגלישען זשורנאל „סורוועי“, האט די פראגע ארומגערעדט און ציטירט פון די ערפאהרונגען פון שטאל פאבריקען, וועלען ארבייטען מיט דריי סעטס ארבייטער. דער קלאס האט דיסקוטירט וועגען דער שטעלונג פון אינזשענערען צו דיזער ארבייטס סיסטעם; ווי אזוי די סיסטעם פון דריי סעטס אדער „שיפטס“ ארבייט; וויפיל דאס קאסט; צו דאס קען זיך לוינען פון א ריין פינאנציעלען שטאנדפונקט; די ערפאהרונגען פון פינף שעפער, וועלכע ארבייטען מיט דריי „שיפטס“; ווי אזוי דאס ווירקט אויף די פארוואלטער; וואס עס איז די ווירקונג פון דער סיסטעם אויף די ארבייטער; וויפיל מעהר ארבייטער עס נויטיגט זיך אונטער דער סיסטעם; די פארגרעסערטע שכירות, און די פארגרעסערטע פראדוקציאן.

דער קלאס האט אויך פארגליכען אן אכט שטונדיגע פאבריק מיט א צעהן שטונדיגער, לויט ווי עס איז לעצטענס דיסקוטירט געווארען אין א נומער פון דער רעגירונג'ס „פאבליק העלטה בולעטין“.

דער קלאס איז אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנט פאר יענע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע ווילען סיסטעמאטיזירען די נייעס, וואס זיי לייענען אין די וועכענטליכע צייטשריפטען און וועלכע ווילען קריגען פון די נייעס עטוואס מעהר ווי א טרוקענע שטיקעל לעזע־שטאף.

קלאס אין טרייד יוניאן פאליסים.

דר. לעא וואלמאן נעהמט אויף מיט זיין קלאס אין טרייד יוניאן פאליסים סטאטיסטישע ציפערען וועגען דער פראפארציאן פון ארגאניזירטע ארבייטער; די צאהל פרויען, וואס זיינען ארגאניזירט; ארגאניזירונג אין קליינע שטעדטלאך; ארגאניזאציאן צווישען אונגעלערענטע („אנסקילד“) ארבייטער, אין גרויסע אינדוסטריען, וועלכע זיינען קאנטראלירט פון איין צענטער. דער קלאס באטראכט די יעצטיגע לאגע ווי אויך די באלדיגע אויסזיכטען פאר טרייד יוניאן ארגאניזירונגס טעטיגקייטען. דער קלאס פארזאמעלט זיך יעדען שבת 2:30 נאכמיטאג.

מר. פישהענדלער'ס קלאס אין פסיכאלאגיע און לאגיק

ביי דער נעקסטער זיצונג פון דעם קלאס אין פסיכאלאגיע און לאגיק, זונטאג, האלב נאך צעהן פריהמארגען, וועט דער קלאס שטודירען די וועגען, דורך וועלכער דעם מענשען'ס מוח קריגט און אסימילירט נייע וויסענשאפט און נייע אידעען. דיזע פראבלעם איז א העכסט־וויכטיגע פאר יעדען איינציגען, וואס זוכט איבערצוגעבען זיינע אידעען צו אן אנדער פערזאן. א גוטער לעהרער מוז פארשטעהן ווי אזוי זיין סטודענט'ס מוח ארבייט און ווי מען קען צו איהם דערגרייכען אזוי, אז די נייע אינפארמאציע אדער אידעען, וועלכע ער וויל איהם לערנען, זאלען פון דעם סטודענט אסימילירט ווערען און איינגענומען ווערען אין זכרון.

דער קלאס וועט זוכען פעסטצושטעלען פון זייער אייגענער ערפאהרונג אונטער וועלכע פיזישע און גייסטיגע אומשטענדען זיי קענען בעסער אריינגעהמען נייע אינפארמאציאן, און וואס פאר א פארמע דיזע אינפארמאציאן מוז פאר זיי פארגעבראכט ווערען, וואס פאר א אילוסטראציעס אדער ביישפילען דארפען צוליב דעם צוועק געגעבען ווערען, א. אז. וו.

לעקטשורס וועגען געזונד־פראגען אין די יוניטי צענטערען.

די לעקטשורס וועגען געזונד פראגען וועלכע ווערען געגעבען פון די דאקטוירים פון דער „ביורא און אינדוסטריעל הייגזשיען“ זיינען געווארען אזוי פאפולאר ביי אונזערע מיטגלידער, אז אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט אראנזשירט נאך א סעריע לעקטשורס, וואס וועט געגעבען ווערען אין עטליכע יוניטי צענטערען יעדען דאנערשטאג אווענט.

דר. רודאלף ראפפ וועט רעדען דאנערשטאג אווענט וועגען פארדייאונגס קראנקהייטען אין דעם 2טען בראנקסער יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוועי.

דר. דזשעראם מייערס וועט רעדען וועגען עפידעמישע קראנקהייטען אין דעם בראנקס יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 54, פרימאן סט און אינטערוויל עוועניו.

לעקטשורס ביי די לאקאלען.

פרייטאג אווענט, דעם 1טען יאנואר, וועלען אונזערע הארלעמער מיטגלידער האבען די געלעגענהייט צו הערען געג. ה. לאנג וועגען דעם אינדוסטריעלען און פאליטישען קאמף פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. ער וועט רעדען אין דעם הארלעמער עדיוקיישאנאל צענטער, 62 איסט 106טע סטריט.

פרייטאג אווענט, דעם 28טען יאנואר, וועט געג. ה. בורגין רעדען וועגען דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, אין דער לאנדאן קאסינא, 3875 דריטע עוועניו, 8 אוהר אבענדס.

דיזע לעקטשורס זיינען אראנזשירט אונטער'ן אויפזיכט פון דער דזשוינט עדיוקיישאנאל קאמיטע פון די קלאוקמאכער לאקאלען 1 און 9. אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיינען איינגעלאדען צו דיזע לעקטשורס.

קלאס אין אדוועונסד פאבליק ספיקינג.

דער קלאס אין העכערער רעדנער קראפט, געפיהרט פון דר. שולץ, איז ארגאניזירט געווארען און פיהרט אן ארבייט, וועלכע וועט די סטודענטען פיל העלפען ווען זיי וועלען דארפען ערשיינען בעפאר פארשידענע פארזאמלונגען.

די סטודענטען פונ'ם קלאס ווערען געלערנט ווי אויסצוארבייטען פלאנמעסיגע דעבאטען, ארגומענטען פאר פארשידענע פראגען, און אויך צו רעדען אהן פארבארייטונג וועגען וויכטיגע און אינטערעסאנטע פראגען פון טאג. א טייל פון דער ארבייט באשטעהט פון דיסקוסיעס און דעבאטען, אין וועלכע די מיטגלידער פון קלאס באטייליגען זיך. דער קלאס פארזאמעלט זיך יעדען זונטאג, 11:30 אין דער פריה.

קורסען וועגען עקאנאמישע פראגען אין אונזערע יוניטי צענטערען.

קורסען אין עקאנאמיקס און אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג ווערען געגעבען פון פעהיגע עקספערטען לעהרער אין יעדען יוניטי צענטער פון אונזער אינטערנעשאנאל.

אין דעם איסט סייד יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 63, פערטע סטריט און ערשטע עוועניו, יעדען מאנטאג אווענט, און אין דעם לאוער בראנקס יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 43, בראון פלייס און 135 סטריט, יעדען דינסטאג אווענט, פיהרט געג. מאקס לעווין קלאסען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג. דער קורס האט ביז יעצט ארומגענומען די געשיכטע און ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד פון איהר ערשטען אנפאנג ביז דעם יעצטיגען טאג. לעצטע וואך האט געג. לעווין פארהאנדעלט וועגען דער ראליע פון די ארבייטער אין דעם אינדוסטריעלען און פאליטישען לעבען פון ענגלאנד. אויך האט ער גערעדט וועגען דער מיינערס פעדערישאן מיט איהר מיטגלידערשאפט פון אכט הונדערט טויזענט פערזאן; די נעשאנאל יוניאן אוו ריילוועי מען און וועגען דער נעשאנאל טראנספארט ווארקערס יוניאן.

די וואך וועט ער רעדען וועגען דער איינפיהרונג פון דעמאקראטישער פארוואלטונג אין די אינדוסטריען אזוי, אז די ארבייטער זאלען קענען האבען זייער ווארט אין די אינדוסטריען. אונזערע מיטגלידער האבען פון דיזען קלאס געלערענט וואס די טרייד יוניאנס האבען געוואונען פאר זייערע מיטגלידער, און דעם טייל וואס די יוניאנס האבען גענומען און האבען נאך פלאץ אין דער איינפיהרונג פון דעמאקראטישער פיהרונג אין די אינדוסטריען אזוי, אז די ארבייטער זאלען זיין פונקט אזוי גלייכבארעכטיגט אויפ'ן אינדוסטריעלען געביט, ווי אויפ'ן פאליטישען געביט.

געג. סאלאן דעלעאן פיהרט א קלאס אין עקאנאמיקס יעדען מאנטאג, 8.30 אבענדס, אין דעם בראנזוויללער יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 84, סטאון און גלענמאר עוועס. ברוקלין, און יעדען דינסטאג אווענט אין דעם וועסטמייקערס יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סטריט. אין דיזען קורס זוכט געג. דעלעאן צוצופאסען עקאנאמישע טעאריען צו דער יעצטיגער לאגע. די טעאריען פון רייכטום, פראדוקציאן, דיסטריביושאן, אויסטוישונג פון ווארע און געלדער, באנק־געשעפטען, פראצענט, אינדוסטריעלע קריזיסען ווערען דיסקוטירט יעדע וואך. ארטיקלען וועגען עקאנאמישע פראגען, וואס ערשיינען אין די צייטונגען און צייטשריפטען ווערען אויך דיסקוטירט פונ'ם קלאס.

אין דעם הארלעם יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 7171, 103טע סטריט און פינפטע עוועניו, וועט געג. א. ל. ווילבערט פארזעצען זיין קורס וועגען די מאדערנע עקאנאמישע אינסטיטוציעס. היינטיגען דינסטאג אווענט וועט דער קלאס באטראכטען די ענטשטעהונג און די פונקציאנען פון די טראסטס אדער קארפאריישאנס, וועלכע באזיצען א פאקטישע מאנאפאל איבער א פראדוקט אדער א באקוועמליכקייט אין וועלכע דאס פאלק נויטיגט זיך. ער וועט באווייזען אז אזא מין מאנאפאל ווערט אויסגענוצט דורכאויס אום צו רעגולירען די פרייז פון דעם פראדוקט אדער די באקוועמליכקייט פאר דעם טראסט'ס בענעפיט.

דער קלאס וועט לערנען וועגען די פארשידענע פארמען פון די היינטיגע אינדוסטריעלע און פינאנציעלע אינסטיטוציעס, און וועט זיך באקענען מיט אונזער עקאנאמישען לעבען ווי ער איז יעצט ארגאניזירט.

אין דעם 2טען בראנקסער יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוועי, האט דר. מארגארעט דאניעלס, אין איהרע דינסטאג אווענט'דיגע קלאסען וועגען דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא און אין אייראפא, ביז יעצט באטראכט די טרייד־יוניאן באוועגונג אין שווייצאריען, נארוועגיען און דענמארק. זי האט מיט'ן קלאס אויפגענומען די ארגאניזאציאן פון די ארבייטער אין יענע לענדער, זייער אינדוסטריעלע לאגע און די טעטיגקייט צווישען די ארבייטער.

נעקסטען דינסטאג אווענט וועט זי אויף דעמזעלבען אופן פארהאנדלען וועגען בעלגיען.

אין דעם בראנקסער יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 54, פרימאן סטריט און אינטערוויל עוועניו, האט מיסס טערעזא וואולפסאן אנגעפאנגען א קורס וועגען דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא. אונזערע מיטגלידער פארשטעהען ווי וויכטיג עס איז פאר זיי צו לערנען וועגען דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג פון דער לאנד, אין וועלכער זיי וואוינען. דורך דיזען קורס וועלען אונזערע מיטגלידער קענען אויסגעפינען די אורזאכען ווארום די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא אונטערשיידט זיך אזוי פיל פון דער אייראפעאישער באוועגונג, און וואס די באוועגונג האט דא געוואונען.

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע וואוינען אין דעם געגענד, דארפען ניט פארפעהלען דיזען אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטען קורס.

אלע טעטיגקייטען וועלען אנגעפיהרט ווערען דורכ'ן סיזאן.

אלע טעטיגקייטען אין די יוניטי צענטערען און אין דעם ארבייטער יוניווערזיטעט וועלען אנגעפיהרט ווערען דעם גאנצען סיזאן, דעמזעלבען טאג און שטונדע יעדע וואך. ווען אונזערע מיטגלידער וואלטען געדענקען וואס אונזערע אונטערנעהמונגען זיינען, אין וועלכע טעג זיי ווערען אנגעפיהרט, וואלטען מיר געקענט אויסנוצען דעם זעהר באשרענקטען פלאץ פון אונזער צייטונג פאר עטוואס נויטווענדיגערעס ווי צו ווידערהאלען דיזעלבע נייעס איבער און איבער אמאל. מיר וואלטען אונזערע מיטגלידער געראטען צו באזוכען די יוניטי צענטערען און אנשליסען זיך אן יענע קלאסען, וועלכע געפעלען זיי אם בעסטען.

„וואירקערס עדיוקיישאן“ פון ארטור גליסאן, פון דער ביורא אוו אינדוסטריאל ריסוירטש.

„וואירקערס עדיוקיישאן“, א ביכעל פון ארטור גליסאן וועגען ארבייטער אויפקלערונג אין אמעריקא און אין אויסלאנד איז ערשט ארויס פון דרוק. מר. גליסאן האט גרינדליך אונטערזוכט די ארבייטער אויפקלערונג אין ענגלאנד, בעלגיען, פראנקרייך און אנדערע לענדער ווי אויך אין די פאראייניגטע שטאטען. אין זיין בראשורע זוכט מר. גליסאן צו באקענען די אמעריקאנער ארבייטער ווי אזוי ארבייטער אויפקלערונג האט זיך ענטוויקעלט אין יוראפ, וואס עס האט אויפגעטאן פאר די ארבייטער אין דער פארגאנגענהייט, און וואס מען קען ערווארטען אין דער צוקונפט. ער זוכט אויך צו פארגלייכען די יוראפעאישע רעזולטאטען מיט אונזערע איצטיגע אמעריקאנער פארזוכען.

מיר רעקאמענדירען די בראשורע צו יעדען מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל וואס איז פאראינטערעסירט אין ארבייטער אויפקלערונג. די שפראך איז א לייכטע און דער ביכעל פארנעהמט אין גאנצען ארום זעכציג זייטען. פאר אונזערע מיטגלידער דארפען מיר ניט ערקלעהרען ווער ארטור גליסאן איז. ער שטודירט די ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד און אמעריקא פאר די לעצטע זעקס יאהר, און איז גוט באקאנט מיט אלע טרייד יוניאן פראבלעמען.

דער בוך קאסט פופציג סענט, אבער אונזערע מיטגלידער קענען איהם קריגען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר בלויז 25 סענט.

אונזערע ארבייטער סטודענטען אונטערשטיצען דעם יוניטי באזאר.

אלע קלאסען אין אונזער ארבייטער יוניווערזיטעט און אין די יוניטי צענטרען האבען באוויזען ווי טיף פאראינטערעסירט זיי זיינען אין דעם ערפאלג פון דעם יוניטי הויז באזאר און האבען צוגעשיקט באגריסונגען צו דעם ספעציעלען יוניטי באזאר זשורנאל. יעדער סטודענט האט ביינגעשטייערט זיין חלק פאר דיזען צוועק.

מיר האפען אז די קלאסען וועלכע האבען נאך אזא ביישטייערונג ניט געמאכט וועלען דאס באלד מאכען. מיר פאדערען אויך אויף אלע סטודענטען זיי זאלען זיך מיט אלע זייערע כחות אריינווארפען אין דער ארבייט צו מאכען דעם באזאר פאר אזא ערפאלג ווי ער פארדינט.

מארגארעט דאניעלס סטודענטען, אויפמערקזאם!

דר. דאניעלס רעקאמענדירט איהרע סטודענטען פון בראנקס יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 54, אז זיי זאלען לעזען דזשיימס' בוך „טאקס טו טיטשערס“. איבערהויפט זאלען זיי שטודירען דעם קאפיטעל איבער געוואוינהייטען („העביט“). דיזען קאפיטעל קען מען קויפען דורך אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט אויף האלסייל פרייזען פאר 68 סענט אדער דעם גאנצען בוך פאר 1.50 דאלאר.

לאקאל קאמיטעס מאכען די נויטיגע אראנדזשמענטס פאר לעקטשורס.

מאנכע מיטגלידער קומען צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט מיט געוויסע פארשלאגען ווי אזוי די לעקטשורס וואס ווערען געגעבען פון די פארשידענע לאקאלען זאלען אראנזשירט ווערען. מיר ווילען דא דארום ערקלערען אז דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל העלפט די אויפקלערונגס קאמיטעס פון די לאקאלען און די געמיינשאפטליכע קאמיטע פון לאקאל 1 און 9 מיט אלע מעגליכקייטען, אין דעם אויסוואהל פון די לעקטשור טעמאס, און אינ'ם אראנזשירען און אויסארבייטען פון די לעקטשורס. אבער די איבעריגע אראנדזשמענטס פאר'ן מיטינג פלאץ און ווי אזוי זיינען איינגאנצען אין די הענט פון די לאקאלען, און די לאקאלע אויפקלערונגס קאמיטעס זיינען פאר זיי פאראנטווארטליך.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט קען דארום ניט זיין פאראנטווארטליך פאר דעם ווי אזוי די לעקטשורס ווערען אנגעפיהרט און מיר ראטען אונזערע מיטגלידער צו ברענגען זייערע פארשלאגען און מעגליכע אויסבעסערונגען דירעקט צו זייערע לאקאלע אויפקלערונגס קאמיטעס.

גראנדיעזער קאנצערט און דענס אין לאוער בראנקס יוניטי צענטער.

די סטודענטען פון לאוער בראנקס יוניטי צענטער, פאבליק סקוהל 43, בראון פלייס און 135טע סטריט, ווי אויך די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל וואס וואוינען אין יענעם געגענד, וועלען פרייטאג אווענט, דעם 28טען יאנואר, האבען א גראנדיעזען קאנצערט און דענס אין דעם אודיטאריום פון דער סקוהל. די אונטערנעהמונג ווערט אראנזשירט פונ'ם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט לכבוד דער ערעפנונג פון דער לאוער בראנקס יוניטי צענטער, וועלכער איז אן אויסערגעוועהנליכער ערפאלג. די פראגראם איז נאך ניט אין גאנצען אויסגעארבייט געווארען, אבער גרויסע טאלאנטען וועלען זיכער ערשיינען ביים קאנצערט, און נאכ'ן קאנצערט וועט זיין א דענס.

אלע אונזערע מיטגלידער פון דעם געגענד זיינען הערציג איינגעלאדען צו דיזען יום טוב.

צוויי מיטינגען פון דעם דזשאינט באארד פון דרעס און וויסט מייקערס יוניאן

ביי די צוויי מיטינגען פון דזשאינט באארד אין דער דרעס און וויסט מייקערס יוניאן וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 18טען יאנואר (ספעציעלער מיטינג), און פרייטאג, דעם 21טען יאנואר (א רעגולער מיטינג), איז פארהאנדעלט און באשלאסען געווארען ווי פאלגט:

ברודער זיגמאן, דזשענעראל מענעדזשער, האט אויספיהרליך ערקלעהרט וועגען די מיטינגען צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן, און ווי אזוי די סוב-קאמיטעס זיינען געקומען צו א פארשטענדניס. דער פרעזידענט האט דאן אויפגעפאדערט ברודער הוראוויץ, מענעדזשער פון דעם אסאסיאיישאן דעפארטמענט, ער זאל פארלעזען די פארטזעצונג פון דעם אגרימענט. נאך דעם ווי ער איז פארטיג געווארען לעזען דעם אגרימענט איז ענטשטאנען א דעבאטע אין וועלכער כמעט אלע מעמבערס פון דזשאינט באארד האבען זיך באטייליגט, און עס איז באשלאסען געווארען גוטצוהייסען דעם אגרימענט אלס א גאנצען אויסער די פונקטען 52 און 57, וועלכע זאלען נאך אמאל אויפגענומען ווערען מיט דער אסאסיאיישאן פאר מאדיפיצירונג. זעלבסטפארשטענדליך, אז די אלגעמיינע מעמבערשיפ וועט דארפען האבען דאס לעצטע ווארט פאר ראטיפיצירונג.

א פארשלאג איז געמאכט געווארען דאס צוויי ספעציעלע מיטינגען זאלען גערופען ווערען פאר דעם צוועק אין צוויי גרויסע האלס (אויסער די ברענטש דיסטריקטען), און עס איז באשלאסען געווארען דאס דער סעקרעטער זאל מאכען די נויטיגע ארראנדזשמענטס.

וועגען טשערלייט פאר דיזע מיטינגען איז באשלאסען געווארען דאס דער נעקסטער דזשאינט באארד זאל אפאינטען.

ברודער זיגמאן האט בעריכטעט וועגען דעם קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטען געווארען צווישען דער יוניאן און די דזשאבבערס אסאסיאיישאן, און זיין בעריכט וויזט, אז פארלויפיג איז מען נאך ניט געקומען צו קיין פארשטענדניס. די סוב קאמיטעס וועלען מיטען נאכאמאל שפעטער מיט עטליכע טעג און וואס דער אויסגאנג וועט זיין פון דעם וועט בעריכטעט ווערען צום דזשאינט באארד. ברודער זיגמאן האט אויך בעריכטעט וועגען די פלענער וואס זיינען אויסגעארבייט געווארען ביי די מענעדזשערס מיט דעם סעקרעטאר וועגען קומענדען דזשענעראל סטרייק און אז רעקאמענדירען אין פאל, ווען די ארבייטער וועלען ארויסגעהן אין דזשענעראל סטרייק זאלען זיי זיך פארזאמלען: אינדעפענדענט שעפער אין זייערע האלס, אסאסיאיישאן שעפער אין זייערע און ניט קיין יוניאן שעפער אין באזונדערע האלס.

וועגען די פארבארייטונגען דורכצופיהרען דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק אין ארדנונג ווערט באשלאסען דאס די באארד אוו דירעקטארס זאלען אויסארבייטען פלענער וועגען קאמיטעס און אז זיי זאלען אריינברענגען זייער בעריכט צום נעקסטען דזשאינט באארד מיטינג.

דער דזשאינט באארד נעמט דאן אויף די פראגע וועגען לאקאל 23, נעמענדיג אין אנבאטראכט דאס לאקאל 23 איז ניט קיין מעמבער אין אונזער דזשאינט באארד און אזוי ווי זייערע מעמבערס ארבייטען אויך דרעסעס איז דארום ענטשטאנען די פראגע ווי אזוי צו ארראנזשירען דאס מיר זאלען האבען פולע קאנטראל איבער דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק. א לעבהאפטע דעבאטע ענטשטעהט און עס ווערט באשלאסען דאס א קאמיטע פון 3 זאלען פאהרען קיין באסטאן, מאסס., וואו די דזשענעראל עקזעקוטיוו האט יעצט א פערטעל יעהרליכען מיטינג און די קאמיטע זאל ערקלעהרען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד דעם איבעל וואס לאקאל 23 קאנטראלירט אויך דרעסמאכער. די קאמיטע זאל דארום פארלאנגען, דאס לאקאל 23 זאל זיין אונטער אונזער דזש. באארד'ס קאנטראל.

פאלגענדע זיינען אין דער קאמיטע: בר. האכמאן, הארוויץ און הערי בערלין.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

פרייטאג, יאנואר דעם 21טען, 1921, איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון דעם דזשוינט באארד פון די דרעס און וויסטמייקערס יוניאנס.

די רעפארטס פון לעצטען רעגעלען און ספעציעלען מיטינג זיינען גוטגעהייסען געווארען.

פאלגענדע זיינען אינסטאלירט געווארען אלס דזשוינט באארד דעלעגאטען: בערעה דובאוו, פון לאקאל 25, און פאמיטא זוידזילאם, און אנטאניא קאווארעטא, פון לאקאל 89.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון לאקאל 25, וועלכער לעזט זיך טיילוויז, דאס די עקזעקוטיוו באארד האט גוטגעהייסען די האנדלונג פון דזשוינט באארד פאר דעצעמבער 10טען, 15טען און 29טען, יאנואר דעם 7טען און 14טען, און אז זיי פראטעסטירען געגען די אויסשליסונג אלס א דזשוינט באארד מעמבער פון ברודער אייבער.

דער דזשוינט באארד באשליסט צו פיילען דעם צושריפט.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון לאקאל 10, דאס זיי האבען גוט-געהייסען דעם דזשאינט באארד'ס האנדלונג פון יאנואר דעם 7טען, אויסער דעם געהאלט פון סופערוויזאר פון ארגאניזיישאן און אינוועסטיגיישאן דעפארטמענט און די האנדלונג פון דזשאינט באארד פון יאנואר דעם 14טען, אויסער דעם פונקט וועגען ארבייטען די 44 שטונדען אין 5 טעג.

א צושריפט פון לאקאל 89 ווערט פארגעלעזען דאס זיי האבען גוט-געהייסען די האנדלונג פון דזשאינט באארד פון יאנ. דעם 7טען, אויסער דעם געהאלט פון סופערוויזאר פון ארגאניזיישאן און אינוועסטיגיישאן דעפארטמענט. דער דזש. באארד באשליסט צו פיילען די צושריפטען און ווארטען ביז די איבעריגע לאקאלס וועלען אריינשיקען זייערע בעריכטען.

דער בעריכט פון באארד אוו דירעקטארס פון יאנואר דעם 18טען ווערט אויפגענומען און עס ווערט באשלאסען פאלגענדעס:

1) דער דזשאינט באארד זאל צוזאמענשטעלען די דזשענעראל סטרייק קאמיטע, וועלכע זאל צוזאמענשטעלען די פארשיידענע קאמיטעס.

2) דאס יעדער קאמיטע זאל האבען א טשערמאן, וויים-טשערמאן און סעקרעטאר.

3) דאס די מענעדזשערס, צוזאמען מיט דעם דזשאינט באארד סעקרעטאר זאלען אויסארבייטען און צוגרייטען אלע נויטיגע פארמס און פרינטינג פאר דעם דזשענעראל סטרייק.

4) דאס יעדער טשערמאן פון די פאלגענדע קאמיטעס זאלען אריינברענגען צום נעקסטען מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס אן אויספיהרליכען פלאן וועגען דער ארבייט און די צאהל מענשען וואס די קאמיטע פאדערט. די באארד אוו דירעקטארס רעקאמענדירט די פאלגענדע פערזאנען אלס נויטיגע קאמיטעס פאר דעם דזשענעראל סטרייק.

האל קאמיטע: ברודער י. הוראוויץ אלס טשערמאן, ברודער ראננא אלס וויים טשערמאן און ברודער ארעטסקי אלס סעקרעטאר.

ארגאניזיישאן קאמיטע: ברודער פארטונאי אלס טשערמאן, ברודער קאביאטי, אלס וויים-טשערמאן און שוועסטער פרידמאן אלס סעקרעטאר.

פיקעט קאמיטע: ברודער שעהנהאליז אלס טשערמאן, ברודער אמיקא אלס וויים-טשערמאן און ברודער סטאלער אלס סעקרעטאר.

אינפארמיישאן ביורא: שוועסטער קיימין אלס טשערליידי, ברודער ליבערטי אלס וויים-טשערמאן.

ספיקערס קאמיטע: ברודער אנטאניני אלס טשערמאן, ברודער וואלינסקי אלס וויים-טשערמאן און ברודער לעווין אלס סעקרעטער.

פינאנץ קאמיטע: ברודער בערלין אלס טשערמאן, ברודער דזשילא אלס וויים טשערמאן און ברודער מ. שעכטער אלס סעקרעטאר.

רעליף קאמיטע: ברודער מעלאזא אלס טשערמאן, ברודער דזש. לעווין אלס וויים טשערמאן און שוועסטער קראנהארדט אלס סעקרעטאר.

קאורט און לאא קאמיטע: ברודער מאקאוו אלס טשערמאן, ברודער נא'אסא אלס וויים טשערמאן און ברודער יעזניק אלס סעקרעטאר.

סעטעלמענט קאמיטע: ברודער האכמאן אלס טשערמאן, ברודער ריעזעל אלס וויים טשערמאן און ברודער שענקער אלס סעקרעטאר. פרעס קאמיטע: ברודער וואלינסקי אלס טשערמאן און ברודער אנטאניני אלס וויים טשערמאן.

אוט אוו טאון קאמיטע: ברודער גודמאן אלס טשערמאן און ברודער סאדאווסקי אלס סעקרעטאר.

ענטערטיינמענט קאמיטע: ברודער היימאן אלס טשערמאן, ברודער ריזזוטא אלס וויים טשערמאן און ברודער פעדנים אלס סעקרעטאר.

וועגען טשערמאן און וויים טשערמאן פאר דעם דזשענעראל סטרייק ווערט באשלאסען, דאס די דזשענעראל סטרייק-קאמיטע זאל ערוועהלען די אויבענדערמאנטע.

עס ווערט ווייטער באשלאסען, דאס יעדער לאקאל וואס באלאנגט צום דזש. באארד זאל ערוועהלען און אריינשיקען צו 5 מעמבערס צו דער צאהל וואס זיינען פארטראטען ביים דזשאינט באארד, צו דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

דער סעקרעטאר בעריכטעט וועגען די מיטינגען פאר דינסטאג דעם 25טען יאנ. דאס וועבסטער און בעטהאווען האלס זיינען גענומען געווארען. דער דזשאינט באארד באשליסט דאס שוועסטער פרידמאן און ברודער בערלין זאלען זיין די טשערלייט ביי דיזע מיטינגען און אז ברודער האכמאן זאל ערקלערען צו די מעמבערס דעם אונטערשייד צווישען אינדיפענדענט אגרימענט און אסאסיאיישאן אגרימענט.

א קאמיטע ערשיינט אין באצוג דער יוניטי הויז, ערקלערענדיג אז עס איז שוין צייט צו מאכען ארראנזשמענטס פאר קומענדען זומער. א קאמיטע באשטעהענד פון ברידער ארעטסקי, דזשאסאטער, רעזניק, פערנוס און שוועסטער פרידמאן ווערען ערוועהלט מיט פול מאכט צו פאהרען קיין באסטאן צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג אדער צו שיקען א מעסעדזש דורך דער קאמיטע פון 3, וועלכע וועט זיין דארטען וועגען לאקאל 23.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

מ. ק. מאקאוו,
סעקרעטאר דזשאינט באארד.

וואס הערט זיך אין לאקאל 3?

שוין זייט א לאנגע צייט אז עס איז קיין ווארט דערמאנט געווארען אין די שפאלטען פון דער „גערעכטיגקייט" וועגען לאקאל 3, און נישט דערפאר ווייל עס איז נישט געווען איבער וואס צו שרייבען, דוקא פארקערט, אין יעדער הינזיכט, זייט לאקאל 3 איז אין עקזיסטענץ, שיינט מיר, האט דער לאקאל נישט דורכגעלעבט אזא שטורמדיגע צייט, און דאכט זיך אז קיינמאל האבען זיך די מעמבערס נישט גענויטיגט אזוי אין א אפיציעלער ערקלערונג איבער דער טעטיגקייט פון דער יוניאן ווי עס נויטיגט זיך יעצט.

אין לאקאל 3, ווי אין אנדערע לאקאלען, פלעגען פון מאל צו מאל פארקומען אינערליכע מיספארשטענדניסע, אבער עס האט קיינמאל פאסירט אז די מעמבערס זאלען צוטיילט ווערען אין רעכטע און לינקע.

עס האט אויך קיינמאל נישט פאסירט, אז מענשען מיט א פארדעכטיגער רעפוטיישאן צו פיגורירען אלס רעוואלוציאנערען און אין נאמען פון הויכע אנציהענדע פראזען, צושטערען מיטינגען, באשמוצען די יוניאן אפישעלס און קיינמאל נישט האבען די מעגליכקייט צו באווייזען די געמאכטע סטייטמענטס.

עס נויטיגט זיך אבער צו באטאנען, דאס די מעמבערס אין אלגעמיין זיינען נישט שטארק באגייסטערט אי נישט פון דער גרופע פיליבוסטערס און אויך נישט פון זייערע מעטאדען פון שטערען מיטינגען אדער זידלען יוניאן אפישעלס, ווייל זיי פארשטעהען, אז דאס אלעס מיינט קיין אנדער זאך ווי די צושטערונג פון דאס וועלכעס עס איז מיט אזוי פיעל מיה און שוועריגקייטען געשאפען געווארען.

מיט דער פאראייניגונג פון ביידע לאקאלען האט מען קיינמאל ניט געהאט אין זינען די צערשטערונג אדער די פארגוואלדיגונג פון וועלכע עס איז רעכטע פון די ארבייטער, יעדער וועלכער פלעגט אגיטירען פאר דער פאראייניגונג פון לאקאל 3 און 80 האט אימער אנגעוויזען די מעגליכקייט פון שאפען א שטארקען שניידער לאקאל, און אז עס איז פאר קיין פאל ניט געווען קיין פוסטע אילוזיע, קען מען שוין אפילו יעצט זעהן אין וואס פאר א גייסט די מעמבערס נעהמען אויף די אמאלגאמיישאן. צעהנדליגע און הונדערטע קומען יעצט אין אפיס. מיט באגייסטערונג פארשפרעכען זיי זייער מיטהילפע. זיי דריקען אויס זייער פולע צופרידענהייט אין דער שטעלונג פון דער אינטערנעישאנאל און פארשפרעכען צו באזוכען די מיטינגען און ניט לאזען די גאט-געזאלבטע האבען די אויבער-האנט איבער זייערע ביזנעס.

די נויטווענדיגקייט פון אקטיוויטעט פון די מעמבערס יעצט איז פיעל מעהר וויכטיג ווי ווען עס איז בעפאר, ווייל שוין זייט א לאנגע צייט אז אונזערע באסעס האבען נישט אזוי פרעך געוואלט אלעס ערוואָרבענע צוריקצונעמען.

די מעמבערס פון לאקאל 3 זיינען פאר קיין פאל ניט קיין אויסנאמע, נישט קוקענדיג וואס זיי ארבייטען ביי סעמפעלס אדער ביי ליידים טיילארינג. זייער פאזישאן איז ווייט נישט קיין זיכערע, אויב זיי וועלען יעצט נישט זיין אויף דער וואך און באפעסטיגען זייער לאקאל אזוי, אז ער זאל קאנען ביי יעדער געלעגענהייט פארטיידיגען און באשיצען דאס עראבערטע.

דער אפעטיט פון די ליידים טיילאר באסעס איז אויך ווייט נישט קיין קלענערער ווי פון אלע אנדערע. זיי וואלטען יעצט באשטימט זיך נישט אפגעשטעלט אין מאכען אן עפענטליכען אנגריף אויף זייערע ארבייטער, ווען זיי וואלטען נישט וויסען אז די ליידים טיילאר יוניאן איז יעצט פיעל שטארקער ווי ווען עס איז פריהער אין איהר עקזיסטענץ, א דאנק דעם וואס מיר זיינען א טייל פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן.

און נאך אלעם דעם, זיינען דא א געוויסע צאהל באסעס, וועלכע האלטען פון'ם אלטען שפריכווארט, אז טרייען קאסט קיין געלט ניט, און זיי מאכען פארשיידענע פארזוכען ביים ארבייטער עפעס צו קריגען. נעמט, צום ביישפיל, א געוויסע פירמע אין הארלעם. ווען דער סיזאן האט זיך געענדיגט און קיין גאנצע וואכען ארבייט איז נישט געווען, און אנשטאט צו געבען זיינע ארבייטער די פאר שטונדען דעם סלעק טיים דורכצולעבען, האט ער זיך אליין אוועקגעזעצט און דאס ביסעל ארבייט פארטיג געמאכט, און ניט באנוגענענדיג זיך מיט דעם אליין, זאנדערן אויך אין דערזעלבער צייט געטרייט צו דינגען זיך מיט זיינע אלטע ארבייטער וועגען דעם פרייז. נאטירליך, נישט דעם אויבענדערמאנטען און נישט צעהנדליגע אנדערע וועט געלינגען ביים ארבייטער פון דאס עראבערטע צוריקצונעמען.

די אלע קאמפליינטס, וועלכע דער אפיס האט ביז יעצט אריינגעקראגען, קען מען צוטיילען אין צוויי קלאסען. ערשטענס, די נישט גלייכע צעטיילונג פון ארבייט און א פראבע ארונטערצונעמען פון פרייז. נישט קוקענדיג אויף דעם, דאס אלע קאמפליינטס זיינען ארויסגעטראגען געווארען צו דער צופרידענהייט פון דער יוניאן, איז אבער נויטיג א פאלשטענדיגע דערקלערונג צו געבען די ארבייטער איבער דעם צושטאנד פון'ם טרייד און אויך אנוויזען די ארבייטער ווי איצט זיך צו פיהרען אין די שעפער, אום צו פארמיידען אומנויטיגע טראבעל.

די עקז. באארד האט אויסגעארבייט א פאלשטענדיגען פלאן ווי אזוי אונזערע מיטינגען צו מאכען אינטערעסאנט. ביים מיטינג זאל אויך פון צייט צו צייט איינלייטונגען געגעבען ווערען איבער פארשיידענע טרייד-פראגען.

אן אלגעמיינער מאס מיטינג פון אלע מעמבערס פון לאקאל 3 איז ארראנזשירט געווארען פאר דער ערשטער וואך אין פעברואר, א חוץ די סעקשאן מיטינגען, וועלכע ווערען אפגעהאלטען פון די ליידיס טיילארס און אלטערעישאן טיילארס יעדען ערשטען און דריטען דינסטאג אין מאנאט און פון די סעמפעל מאכער יעדען ערשטען און דריטען שבת אין מאנאט.

ווי איהר זעהט, טוט די עקז. באארד אלעס מעגליכע צו שאפען א פאלשטענדיגע פארשטענדניס צווישען די מעמבערס. איין זאך, וועלכעס איז יעצט אומבאדינגט נויטיג איז, אז איהר זאלט קומען צו די מיטינגען און נעמען מעהר אנטייל אין אייער יוניאן'ס אנגעלעגענהייטען.

עקז. ב. לאקאל 3,
ס. שאטצבערג, סעק.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III, No. 5. — New York, Friday, Jan. 28, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

ערב דעם טרייעל פון די מיינערס אין וועסט ווירדזשיניא.

די דראמע וואס האט זיך אפגעשפילט אין די וועסט-ווירדזשיניא קוילען-פעלדער, וואו די יוניאן מיינערס און די גאנגסטערס פון דער קאמפאניע האבען לעצטען מאי געהאט א באוואפענטען צוזאמענשטויס, אין וועלכען 10 מענשען, צווישען זיי דער מעיאר פון מאטואו, זיינען גע'הרג'עט געווארען, טרעט איצט אריין אין איהר לעצטען אקט — דער טרייעל אין קרימינעלען געריכט אין מינגא קאונטי, וועסט ווירדזשיניא.

פאר די לעצטע עטליכע יאהר האט די מיינערס יוניאן אנגעפיהרט א שטארקען ארגאניזאציאנס-קאמפיין אין די מינגא קויל-פעלדער. די אייגענטימער זיינען געווען פאר'עקשנ'ט אין זייער געגנערשאפט צו דער יוניאן, און מיט דער הילף פון די ארטיגע רעגירונגען האט זיך זיי איינגעגעבען צו באטרייבען זייערע מיינס מיט נים-יוניאן לייט. דער טרייעל וואס דארף אין גיכען פארקומען, איז א דירעקטער רעזולטאט פון דער גרויזאמער מלחמה. וואס די קויל-מאגנאטען האבען אנגעפיהרט געגען די מיטגלידער פון דער מיינערס יוניאן.

פאריגען פריהלינג האבען די מיין-אייגענטימער אפגעזאגט א גרויסע צאהל ארבייטער און ארויסגעטריבען זייערע פאמיליען פון זייערע היימען פאר דעם איינציגען פארברעכען, וואס זיי האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן. זיי האבען געדונגען פראפעסיאנעלע גאנגסטערס, וועלכע האבען געהאלפען ארויסווארפען די מיינערס פון די הייזער וואס געהערען צו די קאמפאניעס. אין איינעם פון אזעלכע פאלען איז פארגעקומען דער אויבען-דערמאנטער צוזאמענשטויס צווישען די גאנגסטערס און די מיינערס. 24 מיינערס זיינען אנגעקלאגט געווארען פאר מארד, און איצטער דארף פארקומען זייער טרייעל.

וויליאם גרין, דער נאציאנאלער סעקרעטער פון דער מיינערס יוניאן, האט ערקלעהרט, אז די יוניאן וועט געבען פינאנציעלע און מאראלע שטיצע צו די 24 אנגעקלאגטע און וועט זעהן, אז די אויסגעשלאסענע מיינערס פון מינגא קאונטי זאלען קריגען גערעכטיגקייט.

נאך היינט צו טאג וואוינען פילע פון די ארויסגעווארפענע ארבייטער פאמיליען אין צעלטען צווישען די בערג פון מינגא. זייערע ליידען האבען צו זיך קיין גלייכען נים אין דער געשיכטע פון ארבייטער קאמף אין אמעריקא. זיי זיינען אבער אנטשלאסען אויסצוהאלטען ביז די קויל-מאגנאטען וועלען נים אנערקענען דעם פרינציפ פון קאלעקטיווער פארהאנדלונג. דערוויילע קריגען זיי עסענווארג און קליידער פון דער מעכטיגער מיינערס יוניאן, וועלכע טוט אלעס מעגליכעס צו פארלייכטערען די יסורים פון די טויזענטער היימלאזע מארטירער פון קלאסען-קאמף.

די „פארשווערונג" פון דער אמאלגאמייטעד.

די סענסאציע פון דער וואך אין דעם סטרייק פון די מענער-שניידער איז דער געריכט-פראצעס, וואס די ניו יארקער מאנופעקשורערס אסאסיאיישאן האט אנגעהויבען מיט דעם צוועק אויפצולייזען די ניו יארקער ארגאניזאציע פון דער „אמאלגאמייטעד" קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא".

דער געריכט-פראצעס איז א מערקווירדיגער, א גאנץ נייער אין דער געשיכטע פון קאמף צווישען ארבייטער און בעלי בתים. די אמאלגאמייטעד ווערט אנגעקלאגט אויף'ן גרונד פון דער פרינציפען-ערקלערונג פון איהר קאנסטיטוציע, וואס איז אנגענומען געווארען אויף איינער פון די קאנווענשאנס פון דער יוניאן. די דאזיגע פרינציפען ערקלערונג ענטהאלט א שטעל, אז די יוניאן שטרעבט צו דערגרייכען די לאגע, ווען זי, אלס א טייל פון דעם ארבייטער-קלאס, וועט „איבערנעמען דעם קאנטראל איבער דער פראדוקציאנס-סיסטעם". די בעלי בתים טענה'ן, אז דאס באווייזט, אז די „אמאלגאמייטעד" איז אן אומגעזעצליכע ארגאניזאציע, אן ארגאניזירטע קאנספיראציע צו צושטערען דעם איצטיגען אינדוסטריעלען געבוי אין דער קליידער אינדוסטריע פון די פאראייניגטע שטאאטען, א. אז. וו. דעריבער פאדערען די באסעס א באלדיגען אינדזשאנקשאן געגען דער „אמאלגאמייטעד", אז זי זאל נים טארען אנפיהרען דעם סטרייק געגען דער פירמע, אין וועמעס נאמען דער פראצעס איז אנגעהויבען געווארען. דאס איז אויף דערוויילע. אין דער צוקונפט, ווילען די באסעס, זאל די אמאלגאמייטעד אינגאנצען אויפגעלייזט ווערען.

ס'איז איבעריג צו זאגען, אז די מעשה האט פאראורזאכט א גרויסע סענזאציע אין די ארבייטער קרייזען און אין די יורידישע קרייזען איבער'ן גאנצען לאנד. דאס איז פילייכט דעם ערשטען מאל אין דער געשיכטע, אז א גרויסע ארבייטער ארגאניזאציע ווערט אנגעקלאגט אין א „ציווילען יושר געריכט" אויפ'ן גרונד פון „רעוואלוציאנערע בײ־לאאס". אויב מען זאל קאנען אויפלייזען א יוניאן פאר ראדיקאלע אויסדריקען אין זייערע אפיציעלע דאקומענטען, דאן קאנען גאר א סך יוניאנס אין דער א. פ. אוו ל. אנגעקלאגט ווערען אויפ'ן זעלבען גרונד. עס איז מערקווירדיג, עס איז א צייכען פון דער צייט, אז די אויסגעדריקטע האפנונגען פון די ארבייטער צו ווערען אין דער צוקונפט די בעלי בתים פון אינדוסטריעלען לעבען, זאלען בעת א סטרייק דינען אלס א געלעגענהייט פאר א געריכט-קאמף צווישען די צוויי צדדים. ס'וועט זיין זעהר אינטערעסאנט נאכצופאלגען דעם דאזיגען פראצעס און די ענטשיידונגען פון די העכערע געריכטען, אויב ער וועט אהין אנקומען.

דערוויל אבער באטראכטע[ן] די פיהרער פון דער אמאלגאמייטעד די גאנצע מעשה אלס א שטיק אמעריקאנער בלאף און ארווערטייזמענט, אלס א פארצווייפעלטער מיטעל אנצוהאלטען די גאנצקייט פון דער אסאסיאיישאן, פון וועלכער עס רייסען זיך אפ אלץ מעהר און מעהר מעמבערס. דער פאקט איז, אז אויסער ניו יארק איז עס גאנץ ביזי אין דעם שניידער טרייד, און גאר א סך ניו יארקער מאנופעקטשורערס זיינען געווארען אומגעדולדיג און זוכען זיך ארויסצודרעהען פון דער אסאסיאיישאן מיט איהר זעלבסטמארד פאליטיק. כדי איינצוהאלטען די צובונטעוועטע מעמבערס איהרע האט דאס די אסאסיאיישאן אנגעהויבען אט דעם סענזאציאנעלען פראצעס „אויפצולייזען" די אמאלגאמייטעד.

ענגלישע ארבייטער פאדערען דזשאבס פאר די ארבייטסלאזע.

די ארבייטסלאזיגקייט אין ענגלאנד האט דארט באשאפען א פאליטישען קריזיס, וועלכער וועט אין די קומענדע עטליכע טעג פילייכט פיהרען צו וויכטיגע רעזולטאטען.

די פיהרער פון דער „לייבאר פארטי" און דער „טרייד יוניאן פעדערייזשאן" האבען פאררופען אן ארבייטער קאנגרעס צו נעהמען אן ענטשיידענדע שטעלונג אין דער לאגע.

די „לייבאר פארטי" האט זיך ענטזאגט צו שטיצען די פראגראם פון דער רעגירונג, וועלכע טענה'ט, אז ס'איז אוממעגליך אנצוהאלטען די הויכע שכירות פון לעצטען זומער. דער פלאן פון דער ארבייטער פארטיי איז באגרינדעט אויף דעם געדאנק, אז די געזעלשאפט אלס א גאנצע דארף באזארגען מיט אן אנשטענדיגען לעבען, לויט דעם איצטיגען „סטענדארד אוו ליווינג", אלע די וואס קאנען קיין ארבייט נים קריגען; לויט דעם פלאן דארף די רעגירונג פארזיכערען יעדען ארבייטער מיט א גענוגענדער סומע אלע וואך.

די רעגירונג שלאגט פאר דעם פלאן פון „קורצער צייט", ד. ה. אז די ארבייטצייט אין די פארשידענע אינדוסטריען זאל פארקלענערט ווערען, אזוי אז עס זאל זיין ארבייט אויך פאר די וואס געהען ארום ליידיג. די ארבייטער זיינען מסכים, אבער זיי פאדערען, אז די רעגירונג זאל גוט מאכען דעם פארלוסט אין שכירות, אזוי אז די ארבייטער זאלען קאנען אנהאלטען זייער איצטיגען „סטענדארד אוו ליווינג". זיי פאדערען אויך א 44 שטונדיגע וואך, דאס אפשאפען פון אווערטיים, און אז די שול עלטער זאל געהעכערט ווערען, כדי די יונגע זאלען נישט פארפלייצען דעם אזוי אויך איבערפילטען ארבייטער מארק.

אום צו קאנען דעקען די הוצאות וואס זיינען פארבונדען מיט אזא פראגראם שלאגען די ארבייטער פאר א רייהע ענדערונגען אין דער אויסערליכער פאליטיק פון ענגלאנד: האנדעל מיט רוסלאנד, א מילדערע עקאנאמישע שטעלונג צו די באזיגטע לענדער, א פארקלענערונג פון די הוצאות אין מעסאפאטאמיע און אן ענדערונג פון דער אירלאנדישער פאליטיק.

דער הויפט פונקט, פאר וועלכען די ארבייטער פארטיי קעמפט איז אנצוהאלטען די איצטיגע שכירות, און זי איז ענטשלאסען צו באקעמפען יעדען פארזוך צו פארקלענערען שכירות כדי די פרייזען אויף לעבענסמיטלען זאלען קלענער ווערען. זי וויל אז פראפיטען זאלען פארקלענערט ווערען, און אז די קאפיטאליסטען זאלען אפגעבען א באדייטענדען טייל פון זייערע אנגעזאמעלטע פראפיטען פאר די אינטערעסען פון לאנד. בלויז אין אזא פאל ווילען די ארבייטער נעמען אין אנבאטראכט די פראגע וועגען פארקלענערען שכירות.

די אלגעמיינע מיינונג איז, אז אויב די רעגירונג און די געווערקשאפטען אין ענגלאנד וועלען נים מאכען די גרעסטע אנשטרענגונגען צו לייזען דעם קריזיס, וועלען די ארבייטער אנהויבען דורכצופיהרען זייער פראגראם דורך מיטלען, וואס וועלען גאר נישט שמעקען די הערשענדע קלאסען, דורך מיטלען, וואס טראגען דעם נאמען „רעוואלוציע."

פאלמער ווערט אטאקירט.

אטוירני דזשענעראל פאלמער וועט מוזען אויסשטעהן א ביסעל צרות איידער ער וועט ארונטער פון דער פאליטישער סצענע מיט ווילסאנס אדמיניסטראציע. די צוועלף בארימטע לאיערס, וואס האבען מיט עטליכע חדשים צוריק אונטערגעשריבען „א באריכט וועגען די אומגעזעצליכע מעטאדען פון דעם יונייטעד סטייטס דעפארטמענט אוו דזשאסטיס" זיינען ענטשלאסען צו דערפיהרען זייער קאמף צום ענד, אזוי אז די הפקר מעטאדען פון אונזער „גערעכטיגקייט-דעפארטמענט" זאלען נישט דינען אלס ביישפילען און מוסטערען פאר די קומענדיגע אדמיניסטראציעס.

די „דזשודישיארי קאמיטע" פון סענאט אין וואשינגטאן פיהרט איצט אן אן אונטערזוכונג וועגען די אומגעזעצליכע האנדלונגען פון הויפט געזעץ-היטער אין פארבינדונג מיט די איבערפאלען אויף „רויטע", וואס זיינען געמאכט געווארען לעצטען פריהלינג אונטער דער אויפזיכט פון דעם „דעפארטמענט אוו דזשאסטיס". די „נעשאנאל פאפולאר גאווערנמענט ליג", וועלכע האט דורכגעפיהרט דעם פראטעסט פון די צוועלף לאיערס, האט איצט צוגעשטעלט צו דער סענאט קאמיטע אן אנקלאגע געגען פאלמער'ן און זיין דעפארטמענט. און אלע 12 לאיערס האבען זיך אונטערגעשריבען אונטער דער אנקלאגע. אין דעם דאזיגען דאקומענט ווערען צוקלאפט פאלמער'ס באהויפטונגען, אז „עיליענס" מעגען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד אויף דעם באשלוס פון דעם „דעפארטמענט אוו דזשאסטיס", און ווייזט אן, אז דאס איז אויסדריקליך געגען דער קאנסטיטוציע. די מעמבערס פון דער דאזיגער ליג זיינען איינגעלאדען געווארען צו דער סענאט קאמיטע און געבעטען געווארען צו ברענגען עדות צו באשטעטיגען זייערע באשולדיגונגען.

און טאמער איז דאס נאך ווייניג, האט סעמועל אונטערמייער, דער הויפט לאיער פון דער לאקוואוד קאמיטע, לעצטע וואך געמאכט א שארפע אטאקע אויף פאלמער'ן און זיינע פאראנדקעס. ער האט פאלמער'ן באשולדיגט אין אלערליי עבירות און אומגעזעצליכקייטען, סיי אין דעם אמט פון אטוירני-דזשענעראל און סיי אין זיין פריהערדיגען אמט פון משגיח איבער דעם אייגענטום פון די „עיליען ענעמים". פאלמער, הייסט עס, זאל האבען מיסברויכט זיין אמט אויסצוטיילען פעטע דזשאבס כדי אויפצובויען א פאליטישע מאשין, וואס זאל איהם בומען פאר פרעזידענט; אז ער האט פארשווענדט די געלדער פון דער רעגירונג אויף אומגעהייער הויכע געהאלטען פאר לאיערס און אנדערע חסידים זיינע; אז ער האט נישט דערלאזט דורכצופיהרען די געזעצען געגען די טראסטס; אז ער האט נישט געוואלט העלפען דער לאקוואוד קאמיטע ביז ער איז געווען געצוואונגען דאס צו טאן; אז ער האט ארויסגעשיקט מענשען פון לאנד אהן שום גרונד און אפילו אהן דער פארמאליטעט פון א פארהער, און נאך און נאך.

ס'איז זיכער, אז פאלמער וועט זיך נישט אויסדרעהען מיט „פארריידען די ציינער". אז ער וועט מוזען ענטפערען א רייהע גאר נישט אנגענעהמע פראגען, און ענטפערען וועט ער זיי מוזען אויף א קלארען, באשטימטען אופן. פאר'ן לאנד וועט אויפגעדעקט ווערען אין איהר גאנצער העסליכקייט די סיסטעם פון הפקר און ברוטאליטעט, וואס פאלמער האט איינגעפיהרט אונטער דעם אויסרייד פון א „מלחמה נויטווענדיגקייט."

ערשטער מעמבער מיטינג פון נייעם דרעס-מאכער לאקאל 22

דער ערשטער מעמבער מיטינג פון די רעדזשיסטרירטע דרעסמאכער פון לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג דעם 17טען יאנואר, 1921, אין בעטהאווען האל. ברודער האכמאן איז ערוועהלט אלס טשערמאן.

דער סעקרעטאר גיט אפ א באריכט צו די מעמבערס, וועגען דער ארבייט פון דער פראוויזארישער עקז. באארד ביז דעם דאטום. ער צייגט אויף די שוועריגקייטען וואס זיי האבען געפונען אויפ'ן וועג אנצוגעהען מיט דער ארבייט, וועגען ברייננגען לאקאל 22 אלס א פאקט, אין דער דרעס אינדוסטריע, און ווי מאנכע אומפאראנטווארטליכע מענשען, ביי וועמען פאליטיקס און פערזענליכע נוצען שפילען א גרעסערע ראלע ווי דער גאנצער וואוויל זיין פון דער ארבייטער באוועגונג, האבען געזוכט און זוכען נאך יעצט, צו שטערען אין דער גרויסער ארבייט, וואס א גרופע ענערגישע אקטיווע מעמבערס האבען זיך אונטערגענומען.

דער סעק. ווייזט אויך אויף אין זיין באריכט, אז די אינטערנעשאנאל האט זיך געווענדט מיט א בריף צו דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25, אז זיי זאלען ערוועהלען א קאמיטע פון 5 און זיך צוזאמען קומען מיט א גלייכער קאמיטע פון לאקאל 22 אויסצוארבייטען געמיינשאפטליך א פלאן ווי אזוי די דרעסמייקערס זאלען זיך טראנספערירען צום נייעם לאקאל 22.

דיזער צושריפט איז איגנארירט געווארען פון דער עקז. באארד פון לאקאל 25 און די אינטערנעשאנאל איז געצוואונגען געווען צו שיקען א צווייטען צושריפט און זיי ווידער בעטען אזא קאמיטע צו ערוועהלען און זעהן אויסצוארבייטען א פלאן אויך וועגען די חובות און געלט-אנגעלעגענהייטען צווישען לאקאל 25 און לאקאל 22. אויך דיזען מאל איז דער צושריפט איגנארירט געווארען, און די אינטערנעשאנאל איז געצוואונגען געווען ארייצושיקען איהרען א קלוירק, וועלכער זאל אנגעהן מיט דער רעדזשיסטרירונג פון די דרעסמאכערס צום נייעם לאקאל 22.

דער סעק. ווענדט זיך צו די מעמבערס אין זיין באריכט מיט א ביטע צו זיי, אז זיי זאלען אוועקלייגען אלע מיינונגס-פארשידענהייטען אן א זייט און העלפען אויסבויען א שטארקען 100 פראצענטיגען דרעסמאכערס לאקאל, וועלכער זאל זיין א מוסטער פאר אלע לאקאלס.

א דיסקוסיאן האט זיך ענטוויקעלט וועגען דעם באריכט און פילע מעמבערס האבען גאנץ ווארים אנטייל גענומען.

ברודער שלעזינגער האט גענומען דאס ווארט און הארציג באגריסט די דרעסמאכער מיט זייער גוטען אנפאנג און זיך געווענדעט צו די מעמבערס מיט אן אפיעל זיי זאלען העלפען צולייגען א האנט אין דער אויפבויאונג פון לאקאל 22.

ער האט אויך איבערצייגט, אז מיט דער ארגאניזירונג פון די דרעסמאכער אין א באזונדער לאקאל מיינט אויף קיין שום פאל נים אז מיר געהען אוועק פון די וויסט מאכער. ער האט אויך אויפגעוויזען אז פאקטיש בלייבען מיר איין גרויסע יוניאן, פאראייניגט אימער צוזאמען אנצופיהרען א שטענדיגען קאמף מיט אונזערע באלעבאטים, דורך דער דזשאינט באארד.

דער רעפארט פון סעק. ווערט גענומען צום שטימען און ווערט גוט-געהייסען.

דער טשערמאן שטעלט פאר דעם נעקסטען רעדנער, ברודער זיגמאן און ער באגריסט דעם נייעם דרעסמאכער לאקאל 22 אין נאמען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, און ווינשט זיי גרוים ערפאלג אין זייער ווייטערדיגער ארבייט. ער זאגט צו, אז יעדער פון דער אינטערנעשאנאל וועט זעהן אז אלע דרעסמאכער וואס זיינען יעצט צוווארפען אין פארשידענע לאקאלס זאלען זיך מוזען טרענספערירען אין נייעם דרעסמאכער לאקאל.

גענ. ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" האט באגריסט די דרעסמאכער אין נאמען פון דער „גערעכטיגקייט" און פארשפראכען צו העלפען דורך דער צייטונג די מעגליכסטע הילף פאר'ן נייעם לאקאל. אין אלגעמיין, האט ש. יאנאווסקי געהאלטען איינע פון זיינע הומאריסטישע רעדעס, וועלכע האט געבראכט פיל געלעכטער. אויך האט גערעדט ברודער הארוויטץ, דער מענעדזשער פון דער דרעסמאכער דיוויזשאן.

צום לעצט האט פרעזידענט שלעזינגער ווידער גענומען דאס ווארט און ער האט געגעבען אן אלגעמיינעם איבערבליק וועגען יעצטיגען צושטאנד אין לאנד און וועגען דעם קאמף וואס די קאפיטאליסטען פיהרען אן צו צוברעכען די ארבייטער באוועגונג. ער האט אפעלירט פאר איינינקייט און געבעטען אז יעדער טרייער ארבייטער זאל יעצט שטעהן אויף דער וואך און אכטונג געבען אז מען זאל פון אונז נים אוועקרויבען דאס, וואס מיר האבען אויסגעקעמפט מיט דעם ארבייטער'ס בלוט.

דעם זעלבען אווענט זיינען אויך געמאכט געווארען ערשטע נאמינייש אנס פאר אן עקזעקוטיוו באארד פון 21 מיטגלידער פאר לאקאל 22, און א מיטינג פאר צווייטע נאמינייש אנס זאל אין גיכען גערופען ווערען.

ס. סנדלר, סעק.

איז אין די „אפען שאפס" דא מעהר ארבייט ווי אין די „קלאוזד שאפס"?

פון ארטהור ס. סעמיועלס.

עס ווערט אזוי פיל גערעדט איבער „אפען שאפ", און קלאוזד שאפ". די ציימונגען איבער'ן גאנצען לאנד זיינען פול מיט דער פראגע, וועלכע שיינט איצט צו זיין די וויכטיגסטע אויפ'ן טאגעס-ארדנונג. די ארבייטסגעבער שרייען „קאראול", אז דער „קלאוזד שאפ" טרייבט זיי ארויס פון ביזנעס, איבער דעם „קלאוזד שאפ" פארלירען זיי א סך קאסטימער, זיי קאנען זיך ניט פארמעסטען אין כחות מיט די „אפען שאפס". זיי ווערען ממש אומגליקליך.

און אזוי ווי זיי זיינען צוליב אזא קלייניגקייט ניט וויליג זיך צידיקצוציהען פון זייערע געשעפטען, געפינען זיי זיך געצוואונגען, געגען זייער ווילען (אזוי זאגען זיי), אנצופיהרען א ביטערען קאמף געגען זייערע ארבייטער פאר אן „אפען שאפ", אדער ווי עס ווערט גערופען אויף דעם פאטריאטישען נאמען: „אמעריקען פלען שאפ".

די ארבייטער פון זייער זייט טענה'ן, אז ווען זיי זאלען זיך אפזאגען פון דעם „קלאוזד שאפ", מיינט עס איינפאך זיך אפזאגען פון דאס רעכט צו לעבען און אטעמען פריי. נאטירליך ווערען דא געמיינט צילבאוואוסטע ארבייטער. הכלל, אן אנגעוועהטאגטע פראגע, אן אנגעצוויגענע סיטואציע.

עס איז דא ניט נויטיג זיך אריינצולאזען אין ערקלערונגען וואס די אמת'ע באדייטונג פון אט די צוויי אויסדריקע מיינט. וויכטיג פאר אונז איז נאר צו וויסען אויף ווי ווייט אמת עס זיינען די טענות פון יעדען פון די ביידע צדדים.

די באלעבאטים שווערען זיך, אז שולדיג אין דעם איצטיגען קריזיס, און פארוואס עס איז איצט קיין ארבייט ניטא אין די שעפער זיינען נאר די יוניאן ארבייטס-באדינגונגען, דער „קלאודז שאפ". ווען מען זאל די דאזיגע מכה באזייטיגען, וואלט געווארען „ביזי" אין לאנד. און אויסהערענדיג זייער טענה, שטעלט זיך גלייך אויפ'ן ארט די לאגישע פראגע:

אויב דאס איז אמת, דאן מוזען די „אפען שאפס" זיין פארפלייצט מיט ארבייט ביז איבער'ן קאפ. איז דאס אבער אזוי? ניין. עס הויבט זיך גאר ניט אן.

אין מיין ארבייט אלס ארגאנייזער פאר דער אינטערנעשאנאל איז מיין אויפגאבע צו קומען אין באריהרונג טעגליך מיט די ארבייטער און די אייגענטימער פון נאן-יוניאן שעפער אין די געגענדען, וואו עס געפינען זיך פאקטיש קיינע יוניאן שעפער, און וואו דער „אפען שאפ", „אמעריקען פלען" הערשט אומגעשטערט אין פולען גאנג.

מיין ערפאהרונג איז, אז מייסטע פון די דאזיגע ניט-יוניאן שעפער זיינען גענצליך געשלאסען, און די, וועלכע זיינען ניט פארמאכט, ארבייט מען אין דורכשניט פונקט אזוי ווייניג און אפשר נאך ווייניגער ווי אין די פארהאסטע „קלאוזד שאפס".

דער פאקט איז, אז מער לעבען איצט דורך א פעריאדע אין וועלכער דער עולם האלט זיך צוריק פון קויפען. ביליג אדער טייער, ער קויפט ניט, און אן עק. איך וואלט געקאנט אנגעבען א סך אורזאכען פארוואס דאס איז אזוי, נאר איך וועל בעסער איבערלאזען אזעלכע ערקלערונגען צו עקאנאמיקער, וועלכע זיינען מעהר קאמפעטענט ווי איך אזעלכע פראגען גענוי צו ערקלערען. זיכער איז אבער איין זאך, און דאס איז, אז ניט דער „קלאוזד שאפ" איז שולדיג אין דעם וואס דאס פאלק קויפט ניט. ניט די יוניאן ארבייטסבאדינגונגען זיינען שולדיג אין דעם וואס די שעפער פוסטעווען.

פאקטען צו איבערצייגען, אז דער „קלאוזד שאפ" איז גאר קיין שטערונג צו קאנקורענץ זיינען פאראן גענוג. פיהל איך זיך אבער ניט בארעכטיגט אוועקצוזיבען אזוי פיל פלאץ אין אונזער „גערעכטיגקייט" אום זיי אלע דא ארויסצוברענגען. איך וועל זיך באנוצען בלויז מיט איין פאקט, וועלכער ווערט, נאך מיין מיינונג, דייטליך צייגען, אז דער ארגומענט, אז די יוניאן שעפער קאנען ניט קריגען קיין ארדערס דארט וואו ניט קיין יוניאן פירמעס קריגען — איז ניט קיין באגריגרעטער.

פארהאנדלענדיג מיט מעהרערע מאנופעקטשורעס אין דער מידעל וועסט וועגען ארגאניזירען זייערע שעפער האבען זיך פאר מיר מעהרע פון די מאנופעקטשורעס באקלאגט, אז זיי קאנען ניט קאנקורירען מיט פירמעס פון ניו יארק. זיי האבען זאגאר אנגערופען אייניגע פון זיי מיט'ן נאמען (זיי האבען ניט באגריפען וויפיל זיי האבען אליין ווידערשפראכען זייערע אייגענע ארגומענטען געגען דעם יוניאן-שאפ). מיר זיינען געראדע די דאזיגע פירמעס, וועמעס נעמען עס זיינען אנגעדייטעט געווארען זעהר גוט באקאנט און איך האב געפערט אירגענד וועלכען פון די מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען ביי דער קאנפערענץ אנוועזענד געווען, אז איך בין בארייט צו באצאהלען זיינע רייזעקאסטען קיין ניו יארק און איהם אריינפיהרען אין די אנגעדייטעטע שעפער, און אויב ער וועט דארט טרעפען איין ארבייטער, וועלכער ארבייט פאר ווענינער ווי 50 דאל. א וואך, אדער אז איין פונקט פון דעם אגרימענט וועלכען די פירמע [illegible] מיט דער יוניאן ווערט דארט פארלעצט, בין איך דאן וויליג זיך צוריקצוציהען אינגאנצען פון מיין ארגאניזאציאנס אקטיוויטעט פון זייער געגענד און אפען ערקלערען פאר זייערע ארבייטער, אז די יוניאן טויג ניט. זיי האבען אבער דעם טשאלענדזש ניט אנגענומען, וועלכעס איבערציינט קלאר, אז זייערע טענות, אז יוניאן קאנדיציאנען זיינען א שטערונג צו קאנקורענץ איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאזען איי.

דער גאנצער טאראראם וואס ווערט איצט געמאכט געגען דעם „קלאוזד שאפ" און פאר דעם „אפען שאפ" איז ניט מעהר ווי א „קאמאפלאזש", ניט מעהר ווי א פארזוך צו צוברעכען די רייהען פון ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. די באלעבאטים פיהלען, אז איצט איז דער גינסטיגסטער מאמענט פאר דיזען שריט. זיי זיינען ביטרע געגנער צו פארשטעהן, אז ווען דער שקלאף איז אויסגעהונגערט איז די צייט איהם צוצודריקען צום וואנט און פון איהם ארויסקוועטשען אזוי פיל פין זיינע אזוי טייער אויסגעקעמפטע פארבעסערונגען, וויפיל עס וועט זיך נאר לאזען.

זיי, די באסעס, גלויבען זעהר שטארק אין דער מאטא: שמידט דאס אייזען כל זמן עס איז הייס. וואלטען נאר די ארבייטער פון זייער זייט זיין אזוי צילבאוואוסט און אזוי פארשטאנען זייערע אייגענע אינטערעסען, ווי עס פאשטעהען די באלעבאטים זייערע, וואלט געווען גאר גוט.

זאלען די ארבייטער זיין אויף דער וואך און זיך ניט לאזען כאפען דרעמלענדיג. זאלען זיי האלטען די אויגען אפען ווען זיי זעהן, אז די גאנצע „אפען שאפ"-אגיטאציע איז אן ארגאניזירטער פארזוך צו שיטען זאמד אין זייערע אויגען, איהם צו פארדרעהען דעם קאפ, דערמיט, כדי ער, דער ארבייטער, זאל אין זיין פארצווייפלונג זיך אפזאגען פון אלעם וואס איז פאר איהם דאס טייערסטע און דאס הייליגסטע.

אז דער ארבייטער טאר זיך אויף קיין פאל ניט אפזאגען פון דעם „קלאוזד שאפ", איז דא ניט לאנג ארויסגעבראכט געווארען אפילו פון די ערגסטע שונאים פון אירגענד וועלכער פארמע פון ארבייטער ארגאניזיציאן. א באוואוסטע קאטוילישע ארגאניזאציע האט זעהר שטארק פראטעסטירט געגען דעם קאמף פאר אן „אפען שאפ". זיי האבען צווישען אנדערעם באמערקט, אז אויב ארבייטער, וועלכע באלאנגען צו אן ארבייטער יוניאן און זאגען זיך אפ פון דעם „קלאוזד שאפ", וואלט שוין גלייכער געווען פאר זיי, אז זיי זאלען ארייננטרעטען אין א גאלף-קלוב. עס וואלט געהאט די זעלבע ווירקונג...

די איינציגע פארזיכערונג פאר די ארבייטער פאר א בעסערע, שעהנערען און א מענשליכערען לעבען איז א שטארקע, א מעכטיגע יוניאן און א פאלשטענדיגער קאנטראל איבער די ארבייטס באדינגונגען, וועלכעס איז די אמת'ע באדייטונג פון א „קלאוזד שאפ".

בלייב אליין...

פון נחום י.

שווער אין טומעל עלענד צו פארבלייבען —
זיין אליין...
זאל איך געהן ווי אלע ברעקלאך קלייבען,
זאל איך געהן?

זאל איך אויך אזוי ווי זיי פארבלענדען
זיך אליין,
און מיין גרויסען, גרויסען צער פארשווענדען
פאר א ביין?

זעה איך זיי פון וויטען... אט... זיי געהען —
גרויס און קליין.
זאגט מיין הארץ: דיך וועט קיין זאך ניט-פרעהען,—
בלייב אליין!

ווען דער הימעל איז פארוואלקענט

(פון דער סעריע: „געדאנקען און שטימונגען".)

פון דזש. העללער.

ביטער איז דעם מענשען, וואס פאלט, ניט פאר קיין אידען געדאכט, אריין אין א מעלאנכאלישער שטימונג. דאן איז פאר איהם איינפאך אן עק וועלט. אלעס אלעס וואס ער קאן זעהן איז — שווארץ.

איך האב דורכגעלעבט א שלעכטע וואך. מיר האט עפעס פארקלעמט דאס הארץ, פארדריקט די נשמה און דער מארך האט אנגעפאנגען מיך פרעגען אזעלכע נארישע, לעבערליכע און אומזיניגע פראגען. א גאנצע וואך, אהן אן אויפהער, האט מיך מיין געדאנק פארפאלגט. ער איז נאר באשטאנען אויף ענטפערס אויף, למשל, אזעלכע פראגען: — ווער ביזטו? וואס ביזטו וואס שלעפסטו זיך ארום אויף דיזער וועלט? וואס איז דער צוועק פון דיין ז י י ן, און וואס איז דער פארלוסט פון דיין נ י ט ז י י ן? וואס לויפסטו, וואס האוועסטו, וואס היצסטו זיך און וואס קאכסטו זיך? און... און... און...

און וואלקענס פליהען...

מיט א צוואנציג יאהר צוריק זיינען פון רוסלאנד קיין אמעריקא געקומען צוויי קינדער, צוויי ברידער — פייוועל און מאטעל ארימסקי. זיי זיינען געוועזן ארעם און עלענד און זיינען געקומען אהער זוכען זייער גליק.

איינער פון זיי איז געווארען אן אפערייטאר ביי מאנטלען. דער צווייטער — האט געפעדלט מיט קענדי. ביטער איז דאן געווען זייער שיקזאל. זיי זיינען פאר זייער שווערער ארבייט באלוינט געווארען מיט הונגער. און אלע נאכט, ווען זיי פלעגען אהיים קומען, פלעגען זיי, פאר צרות, שילטען די רייכע. און אלע פריהמארגען, ווען זיי פלעגען זיך צו דער ארבייט אוועקלאזען, פלעגען זיי באוויינען די ארימע.

די רעדעל האט זיך א דרעה געטאן, זיי האבען אנגעזאמעלט א פאר דאלאר און זיינען געווארען פאבריקאנטען, פארריי־קאנטען פון פרויען מאנטלען, און דער מזל איז געווען מיט זיי. צו וואס זיי האבען זיך נאר צוגעריהרט איז אין גאלד פארוואנדעלט געווארען. זיי זיינען געווארען רייכער פון טאג צו טאג. פון עטליכע „הענט" איז זייער פאבריק פארוואנדעלט געווארען אין דעם גרעסטען שאפ פון דער מאנטעל אינדוסטריע, אין א פאבריק וואס באשעפטיגט הונדערטע און הונדערטע „הענט".

מאטעל און פייוועל זיינען געווארען רייך; מאטעל און פייוועל זיינען געווארען גרויס; מאטעל און פייוועל זיינען געווארען קלוג; מאטעל און פייוועל זיינען געווארען באריהמט. אין די געגנעדען פון די רייכע האבען זיי זיך באזעצט; צו דער פאבריק אין אויטאמאבילס געקומען; באדינטע זיינען אויסגעשטרעקטע פאר זיי געשטאנען, אבער דאס איז נאך ניט אלעס. זייערע נעמען — פייוועל און מאטעל ארימסקי — זיינען מיט גאלדענע בוכשטאבען אויסגעקריצט געווארען אויף ווייסע מארבעל אין אלע אידישע וואוילטעטיגע אנשטאלטען. פארגעסט ניט, זיי האבען טויזענטער און טויזענטער דאלארס, יעהרליך, אויף צדקה צוטיילט.

און די ארבייטער? איך האב זיי די וואך געזעהן. ווי אויסגעדריקטע לעמאנס זעהען זיי אויס. ארימע, עלענדע, ניידערשלאגענע, מיט אויסגעלאשענע איינגען, אהן האפנונגען, אהן לעבען.

מאטעל און פייוועל האבען מיליאנען געמאכט. און אום צו מאכען די מיליאנען האט מען געמוזט האבען ארבייטער און גוטע, געטרייע ארבייטער. האבען די ארבייטער, יעדען טאג און יעדע וואך און יעדען יאהר, שטראמען ענערגיע מיט לעבען אוועקגעגעבען. דאס איז אין גאלד פארוואנדעלט געווארען פאר מאטלען און פייוועל'ען. מאטעל און פייוועל זיינען רייך געווארען און די ארבייטער — ארים געווארען, אבער ניט ארים אין געלט בלויז — נאר איינפאך אויך אין קרעפטען. זיי האבען נים קיין מארך אין די ביינער מעהר. אויסגעטריקענטע סקעלעטען זיינען זיי פארבליבען פון די עהפאלגרייכע געשעפטען וואס זייערע ארבייטס נגבער האבען געמאכט.

מאטעל און פייוועל, די גרויסע פילאנטראפען, האבען דיזע טעג זייערע ארבייטער אין גאס ארויסגעווארפען. גאר אהן צערעמאניעס האבען זיי דאס געטאן. זיי האבען ארונטערגעריסען די מאשינעס, אפגעשניטען די פ־עסער ט־שען, צוברעכען די קאטינג-טישען און — פארטיג.

— איך דארף אייך שוין מעהר ניט האבען, — האט איינער פון די בעלי בתים געזאגט. — איהר קענט ניט אויסארבייטען וויפיל געלד איהר קריגט פון מיר, און אלס אזעלכע זיינט איהר גוט בארעכטיגטע אפליקאנטען פאר משאריטי. אבער ארבייט — דאס נים. מיין שאפ איז ניט קיין צדקה אנשטאלט. דא איז רייניגע, קאלטע ביזנעס.

זיצען מאטעל און פייוועל אין זייערע רייכע היימען און קוקען זיך אן איינער דעם אנדערען מיט גרויס צופרידענהייט. זיי זיינען צופרידען מיט דעם קלוגען איינפאל זייערען, וואס זיי זיינען פטור געווארען פון די אלטע, אויסגעצערטע ארבייטער. זיי וועלען יעצט קריגען איינגערע פאר ביליגער. צופרידען מיט דער גרויסער מאכט, וואס זייער קאפיטאל גיט זיי אין דער געזעלשאפט, און נאך גליקליכער פיהלען זיי זיך מיט דעם באוואוסטזיין וואס זיי זיינען אימשטאנד צו פארגיטיגען זייער הארצלאזע טאט געגען זייערע ארבייטער. זיי וועלען אין נאך א האספיטאל, אין נאך א שול און אין נאך א בית יתומים אויסקריצען זייערע נעמען מיט גאלדענע בוכשטאבען און גאט און די געזעלשאפט וועלען זיי פארגעבען און פארגעטערען.

און די ארבייטער? — זיי שטעהען אין דער ביטערער קעלט אויפ'ן גאס, קוקען אן מיט פארצווייפעלטע אויגען די ריזיגע פאבריקגעביידע, אין וועלכע זיי האבען זייער לעבען, זייערע האפנונגען און זייערע טרוימען פארלארען. מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימעל שרייען זיי אוים: געוואלד, דאס איז דאך אלעס אונזערע! יעדער ציגעל און יעדער שרייפעלע איז דאך א טייל פון אונזער לעבען! ווי אזוי קען מען דאס אונז, די אמת'ע באלעבאטים, פון דארנען ארויסווארפען!

דער קאך און דער גערויש פון די ניו יארקער גאסען דערשטיקט זייערע שטימען. זיי בלייבען שטעהן הילפלאזע און ענטמוטשעט. קיינער זעהט זיי נים און קיינער הערט זיי ניט...

אזא פאסירונג באלעסטיגט מיך מיט א יאוש, מעקט אפ מיין שמייכעל, דערשטיקט מיין געזאנג און צווינגט אויף מיר ארויף א גלויבען, אז אלע מאל וועללען שוין די וואלקענס פליהען...
ווען דער הימעל איז פארוואלקענט...

פינאנס רעפארט פון דזשאינט באארד פון די סלאוס און סקירט מאכערס יוניאן, לאקאלס 2, 53 און 69

(פון יאנואר 1טען, ביז דעצעמבער 25טען, 1920)

יעהרליכע איינגאהמען:

לאקאל 2:

דיוס	$20,879.30
פאנדס	8,862.85
בילדינג פאנד	2,370.00
שטאהל אסעסמענט	1,785.00
אינישיאיישאן פיע	1,354.50
פרייז קאמיטע אסעסמענט	900.00
סאניטארי אסעסמענט	858.00
פרעסערס פאנד	828.60
שטראפען	498.00
רעליף	136.00
דאקטאר עקזאמינײשאן	97.50
אסעסמענטס	10.50
טאטאל	$38,580.25

לאקאל 53:

דיוס	$1,815.30
פאנדס	885.65
אינישיאיישאן פיע	210.00
בילדינג פאנד	187.00
שטאהל אסעסמענט	138.00
פרייז קאמיטע אסעסמענט	71.50
סאניטארי אסעסמענט	68.75
שטראפען	53.00
טאטאל	$3,429.20

לאקאל 69:

דיוס	$5,992.55
פאנדס	1,834.45
בילדינג פאנד	993.00
אינישיאיישאן פיע	668.00
שטאהל אסעסמענט	504.00
פרייז קאמיטע אסעסמענט	255.50
סאניטאריום אסעסמענט	248.25
שטראפען	10.00
אסעסמענטס	3.00
טאטאל	$10,708.75

פארשידענע:

לאקאל 2 אנלייהע	$7,000.00
רענט און פורניטשור	2,364.85
דאניישאן י. ל. ג. וו. י.	2,000.00
ניו יארק דזש. ב. לאאן	1,000.00
ריטוירן טשעק לאקאל 15	1,000.00
2טער מארטגיידזש	900.00
מעדיקאל רעליף קאלעקשאן	887.15
בילדינג פאנד צוריקגעקערט	638.37
מעמבערשיפ קארדס	220.00
אינטערעסט	124.55
טאטאל	$16,134.92
באלאנס פון לעצטען יאהר	2,181,48
טאטאל	$71,034.60
אויסגאבען	70,648.14
באלאנס	$386.46
אינוועסטעט אין בילדינגס	55,000.00
פורניטשור און פיקסטשור	4.000.00
טאטאל	$59,386.46
באלאנס	19,751.67

אויסגאבען:

צוריקגעקערט פאנדס	$18,462.40
סאלאריס	15,993.25
סטרייק בענעפיט	9,564.50
דיוס סטעמפס	7,450.00
דאניישאנס	3,046.05
לאקאל 2 אקאונט	2,300.00
קאר פעיר פאר קאמיטעס	2,052.84
קאנווענשאן דעלעגאטען	1,960.00
דיסקאונט	1,407.20
אומגעקעהרט צו לאקאל 15	1,000.00
ארגאניזיישאן	988.43
רוסישער מעדיקאל רעליף	900.00
פרינטינג	745.00
בילדינג עקספענס	634.35
סטרייק עקספענסעס	586.35
אדווערטייזמענטס	543.00
רענט	500.00
רענט פאר האללס	472.50
פארשידענעס	465.77
טעלעפאנס	317.95
פאסטיידזש	258.46
ליגעל עקספענס	251.05
עלעקטריסיטי	206.91
אומגעקעהרט דיוס	177.05
דיוס צו דער ארגאניזאציאן	136.50
דר. עקזאמינײשאנס	117.10
צאהלונג פאר'ן 2טען מארטגיידזש	50.00
סטיישאנערי	28.48
אומגעקעהרט שטראפען	15.00
טאטאל	$70,648.14

דזשוינט באארד חובות:

1טער מארטגיידזש	$15,000.00
בילדינג דעפיציט	13,010.79
לאקאל 2 פאנדס	8,700.00
סאניטאריום אסעסמענט	1,825.00
ניו יארק דזש. באארד	1,000.00
דזשענעראל אסעסמענטס	99.00
טאטאל	$39,634.79

פאנדס פון לאקאלס.

בילדינג פאנד:

באלאנס פון לעצטען יאהר	$15,589.27
בילדינג סעטעלמענט, 112 נ. 9טע סטריט	10,183.65
רענט	2,608.85
אלטע פורניטשור	329.00
לוידים טיילאר באלל	271.00
טעקס לאקאל 2	2,094.00
טעקס לאקאל 69	993.00
טעקס לאקאל 53	187.00
טאטאל	$32,255.77

אויסגאבען:

בילדינג סעטעלמענט, 232 נ. 9טע סטריט	$20,858.75
בילדינג סעטעלמענט, 1016 טשערי סטריט	20,555.50
אומגעקעהרט צום דזש. ב. 2טער מארטגיידזש	1,538.37
בילדינג ריפעירס	846.96
שטאטישע טעקסעס	912.00
מארטגיידזש אינטערעסט	555.00
טאטאל	$45,266.56
דעפיציט	13,010.79

קראנקער פאנד, לאקאל 2:

באלאנס פון לעצטען יאהר	$13,635.90
דיזען יאהר	3,623.25
טאטאל	$17,259.15
אויסגעצאהלט קראנקען בענעפיט	2,768.00
באלאנס	$14,491.15

פרעסערס פאנד:

באלאנס פון לעצטען יאהר	$2,270.55
דיזען יאהר	828.60
טאטאל	$3,099.15
אויסגעצאהלט פון פרעסערס פאנד	1,865.00
באלאנס	$1,234.15

רעליף פאנד:

באלאנס פון לעצטען יאהר	$1,416.09
דיזען יאהר	1,602.80
טאטאל	$3,018.89
אויסגעצאהלט פון רעליף פאנד	1,160.30
באלאנס	1,858.59

עמוירדזשענסי פאנד:

איינגאהמע דיזען יאהר	$1,154.70
אויסגעצאהלט	50.00
באלאנס	$1,104.70
אסעסמענט פאנד לאקאל 2	2,618.10

דעפענס פאנד, לאקאל 53:

איינגאהמע	$1,040.65
אויסגעצאהלט	180.00
באלאנס	$860.65
אסעסמענט לאקאל 53	43.80

קראנקער פאנד, לאקאל 69:

באלאנס פון לעצטען יאהר	$1,882.45
דיזען יאהר	1,180.35
טאטאל	$3,062.80
אויסגעצאהלט קראנקען בענעפיט	735.00
באלאנס	$2,327.80
אסעסמענט לאקאל 69	654.10
אינטערעסט	1,813.84
	$27,006.88

בילדינג פאנד דעפיציט	$13,010.79
דזשוינט באארד	8,700.00
פיפעלס בענק	2,686.72
סייווינג סטעמפס	1,000.15
ליבערטי באנד	1,000.00
סענטראל באנק	382.24
פיפעלס באנק	188.65
7טער וואלנאט	25.18
10טער וואלנאט	13.15
טאטאל	$27,006.88

מ. סאנדלער,
סעק.-טרעזשורער.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער נויארקער קלאוקמאכער יוניאן

לאקאל 9 אינפארמירט דעם דזשאינט באארד אז זיי וועלען אפהאלטען עלעקשאנס פאר עקזעקוטיוו מעמבערס און אפיסערס דעם 27טען יאנואר, און זיי פארלאנגען אז דער דזשאינט באארד זאל אפאינטען צוויי דעלעגאטען וועלכע זאלען דעם עלעקשאן באאויפזיכטען.

דער פארלאנג ווערט באוויליגט און די ברידער ווייסמאן און דעסעל ווערען אפאינטעט.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען צו אונטערזוכען די אבדזשעקשאנס געגען ברודער הארוויץ, א דעלעגאט פון לאקאל 1, באריכטעט דאס זיי האבען אפגעהאלטען א שאפ מיטינג מיט די ארבייטער פון דעם שאפ, וואו ברודער הארוויץ איז באשעפטיגט, און, נאכדעם ווי זיי האבען די קייס פאלשטענדיג אונטערזוכט, האבען זיי באשלאסען די אבדזשעקשאנס צוריקצואווייזען.

דער באריכט פון דער קאמיטע ווערט אנגענומען, און ברודער הארוויץ ווערט צוגעלאזען אלס דעלעגאט צום דזשאינט באארד.

עלעקשאן פאר אפיל קאמיטע מעמבערס ווערט געמאכט, און די ברידער קושנער, בענדער, אטלאס, גרינבערג, ווייסמאן, ניציטא און בריק ווערען עלעקטעט.

ברודער קאפלאוויטש לעזט פאר דעם יעהרליכען פינאנציעלען באריכט פון די איינגאמען און אויסגאבען פאר דעם לעצטען יאהר.

באארד און דירעקטארס באריכט.

קאמיטעס.

א קאמיטע פון לאקאל 3 אינפארמירט, אז זייער פאראייניגונג מיט לאקאל 80 איז דורכגעפיהרט געווארען אין דער בעסטער ארדנונג, און די קאמיטע פארלאנגט אז דער דזשאינט באארד זאל איבערנעמען די השגחה איבער זייער גאנצער ארגאניזאציאן.

דער פארלאנג ווערט באוויליגט און א קאמיטע באשטעהענד פון די ברידער קאפלאוויטש, פינקאווסקי און לאנגער ווערט אינסטרואירט צו מאכען די נויטיגע אראנדזשמענטס.

מענעדזשערס' באריכטען.

ברודער רובין באריכטעט וועגען די פאלגענדע קייסעס, וועלכע זיינען אויפגענומען געווארען ביי דער קאמיטע פון אימידיאייט עקשאן:

א סטרייק איז ערקלערט געווארען געגען דער פירמע שווארץ בראדערס פאר ארונטערשיקען דעם שאפ טשערמאן, ווייל דער לעצטער איז באשטאנען אז יעדער נייער ארויפגעקומענער ארבייטער אין שאפ מוז האבען א וואירקינג קארד פון זיין לאקאל. נאך דעם ווי די ארבייטער זיינען געווען איינינע טעג אין סטרייק, האט די פירמע צוגעשטימט צוריקצונעמען דעם שאפ טשערמאן, און באצאהלען פאר דער פארלארענער צייט, וואס די ארבייטער האבען פארלארען צוליב דעם סטרייק. ער באריכטעט אויך, אז דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען מיט דער הילפע פון ברודער עטקין פון דעם דאון-טאון אפיס.

די פירמע פרידמאן און וואלבאסט האט ארונטערגעשיקט אן אפרייטאר, באהויפטענדיג דאס ער פראדוצירט ניט גענוג ארבייט. גלייך ווי די פירמע איז אינפארמירט געווארען אז א סטרייק הענגט איבער איהר קאפ, האט זי צוגעשטימט צוריקצונעמען דעם ארונטערגעשיקטען ארבייטער.

די פירמע פעלדמאן און דארטער האט ארונטערגעשיקט איינעם פון איהרע פינישערס אונטער דער פרעטענזיע דאס ער מאכט ניט גענוג ארבייט. נאכדעם ווי די ארבייטער זיינען געווען איין וואך אין סטרייק האט די פירמע צוגעשטימט צוריקצונעמען דעם ארונטערגעשיקטען ארבייטער.

די פירמע הייט און סאן האט ארונטערגעשיקט איין אפרייטאר און איין פינישער. דער מעמבער פון לאקאל 1 האט אליין פארלאזט דעם פלאץ און דער מעמבער פון לאקאל 9 איז רעאינסטייטעט געווארען צו דער ארבייט א דאנק דער אקטיוויטעט פון די ארבייטער פון דעם שאפ.

די פירמע ה. רובינשטיין האט פארלאנגט אז די ארבייטער פון דעם שאפ זאלען ארונטערלאזען פון זייערע וויידזשעס. גלייך ווי די פירמע האט זיך דערוואוסט אז די קאמיטע פון אימידיאייט עקשאן האט באשלאסען איהר צו ערקלערען א סטרייק, האט מר. רובינשטיין צוגעשטימט צו צאהלען די ארבייטער דעם אלטען פרייז.

די קאמיטע פון אימידיאייט עקשאן האט באשלאסען צו ערקלערען א סטרייק געגען דער פירמע סעם גאלדבערג פאר ארונטערשיקען איינינע פינישערס. גלייך ווי די פירמע האט זיך דערוואוסט אז דער אפיס האט באשלאסען איהר צו ערקלערען א סטרייק, האט מר. גאלדבערג צוגעשטימט צוריקצונעמען די פינישערס און האט אויך אריינגעשיקט אין דער יוניאן א טשעק פאר בעק-פעי.

די פירמע מ. בערנשטיין האט ארונטערגעשיקט צוויי פון איהרע אפרייטארס. נאך דעם ווי די ארבייטער זיינען געווען פאר 2 טעג אין סטרייק, האט די פירמע צוגעשטימט צוריקצונעמען די ארבייטער צו דער ארבייט.

ברודער רובין באריכטעט אז די פאלגענדע מאנופעקטשורערס זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן:

בעסטעקס ספארמוועער קא., הערמאן ד. בראוס, שווארץ בראדערס, ב. שנאל, סטיגליץ און גאלדמאן, בערקאוויץ און טרוהארט, און א. דזשייקאבס.

ברודער רובין באריכטעט אויך דאס געגען די פאלגענדע פירמעס: ראזענפעלד און זימעט, קארל באנוויט, סאלאמאן און מארקס, גאלדשטיין בראדערס און ברוקנער, סעמועל בלום, מאקס לעסער, לוסגארטען און בלאק, גינס בראדערס און פראנק ווזירט, מעמבערס פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, ווערען סטרייקס אנגעפירט.

ברודער פריזאמט באריכטעט אויך, אז זיין אפיס האט ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע דזש. פענדין, נאך דעם ווי זי האט ארונטערגענומען פון די וויידזשעס פון איהרע ארבייטער.

ברודער ניסנאוויץ באריכטעט דאס ער האט ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע אשלאנד קלאוק קא., ווייל זי האט ארונטערגעשיקט איינעם פון איהרע אפרייטארס. נאכדעם ווי דער שאפ איז געווען אין סטרייק פאר עטליכע טעג, איז דער אפרייטאר רעאינסטייטעט געווארען.

ער באריכטעט אויך אז זיין אפיס האט ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע קאפלאן און וויינשטיין פאר ארויסשיקען ארבייט אין אויטסייד שעפער דערפאר ווייל די ארבייטער האבען זיך אנטזאגט ארונטערצולאזען פון זייערע וויידזשעס.

זיין אפיס האט אויך ערקלערט א סטרייק געגען דער פירמע פלאשבערג דערפאר ווייל זי האט פארלאנגט אז די ארבייטער זאלען ארונטערלאזען פון זייערע וויידזשעס.

ברודער באביץ באריכטעט אז די סטרייקס, וועלכע דער אפיס האט אנגעפיהרט געגען די פירמעס גאבע, גראס און פלאצמאן, זיינען געסעטעלט געווארען צו דער צופרידענהייט פון דער יוניאן.

די באריכטען פון די מענעדזשערס ווערען פארהאנדעלט און גוט געהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקר.

קלאוקמאכער אויפמערקזאם.

אונזערע בעל הבתים אין סט. דזשאהן, נ. ב., האבען זיך פארמאסטען מיט אונזער יוניאן. עס גלוסט זיך זיי צוצוברעכען אונזער לאקאל 86 א. ל. ג. וו. י., וועלכען מיר האבען מיט אזויפיל מיה אויפגעבויט.

זיי האבען אונז ערקלערט א לאקאוט און אויב מיר זיינען וויליג, וועלען זיי אונז געבען א 50-שטונדיגע ארבייטס וואך אנשטאט די יעצטיגע 44. נאר דערפאר זאלען מיר ארונטערלאזען 30 פראצענט פון אונזערע וויידזשעס..."

זיי באריהמען זיך אז אויב מיר וועלען גלייך ניט קומען צו דער ארבייט וועלען זיי באקומען גענוג „הענד" פון ערגעץ אנדערשוואו. אפעלירען מיר צו אייך, שוועסטער און ברידער קלאוק מייקערס, העלפט אונז איבערצייגען אונזערע בעל הבתים אז מיר זיינען ניט בלויז „הענד", נאר מענשען מיט הערצער און געפיהלען. מיר שטרעקען צו אייך אויס א ברידערליכע האנד און העלפט אונז אין דעם יעצטיגען מאמענט בלויז דערמיט וואס קיינער פון אייך זאל ניט קומען ארבייטען אין סט. דזשאהן.

נ. ב. — אזוי לאנג ווי אונזערע בעל הבתים וועלען עס פארלאנגען אין דער צייט פון זייער לאקאוט איז אונזער ענטפער: דער סטרייק.

ל. רובין,
סעק. לאקאל 86, א. ל. ג. וו. י.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

די פרויען פון די טויטע

פון נעטהעניעל האטהארן.

די רעגענדיגע טונקעלהייט פון א העברסט־טאג; א סאליע אויפ'ן צווייטאן שטאק פון א קליין הויז, איינפאך אויסגעמעבלירט, לויט די מיטעלע אומשטענדען פון איהרע איינוואוינער, דאך מיט איידעלע מוסטערען פון אינדיאנער ארבייט, — דיזע פאר אייגצעלהייטען וועלען פארלויפיג זיין גענוג צו באצייכענען דעם ארט און די צייט.

צוויי יונגע און ליבליכע פרויען זיינען געזעסען צוזאמען ביים פייער, פארטיפט אין זייער בשותפות'ען און זאנדערבארען טרויער. זיי זיינען געווען די ניט־לאנג פארהייראטע פרויען פון צוויי ברידער, א מאטראז און א סאלדאט, און איין טאג נאכ'ן אנדערען האט געבראכט די בשורה פון דעם טויט פון יעדען, איינער אין א שלאכט ביים גרענעץ פון קענעדע און דער צווייטער אין ברויזענדען אטלאנטישען אקעאן. דער אלגעמיינער מיטגעפיהל, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך דיזען פארלוסט האט געבראכט פילע טרייסטענדע געסט צו דער וואוינונג פון די שוועסטער־אלמנות. איינִיגע, צווישען וועלכע עס איז געווען דער גלח, זיינען פארבליבען ביז אווענד; ענדליך האבען זיי איינער נאך איינעם, אפשעפטשענדיג צום טרייסט א פסוק פון דער ביבעל, אויף וואס די אלמנות האבען געענטפערט מיט נאך מעהר טרעהרען, האבען זיי זיך אפגעזעגענט און זיינען אוועק אין זייערע אייגענע פרעהליכערע היימען. די אבלים זיינען אפילו ניט געווען אונדאנקבאר פאר דער גוטהערציגקייט פון זייערע פריינד, דאך האבען זיי גענארט צו בלייבען אליין.

פאראייניגט ווי זי זיינען געווען דורך דער קרובה'שאפט פון די לעבעדיגע, און יעצט נאך נעהנטער פאראייניגטע דורך דער קרובה'שאפט פון די טויטע, האט יעדערע געפיהלט, אז אויב עס איז דא עפעס א טרייסט צו איהר צער איז עס אין דער ברוסט פון דער צווייטער. זיי האבען פאראייניגט זייערע הערצער און האבען צוזאמען שטיל געוויינט. אבער נאך דעם ווי זיי זיינען אזוי אפגעזעסען א שטונדע, האט איינע פון די שוועסטער, וועמעס געפיהלען זיינען געמילדערט געווארען דורך איהר זאנפטען, שטילען, דאך ניט שוואכען כאראקטער, אנגעפאנגען זיך צו דערמאנען די לעהרען פון אונטערגעבען זיך צום שיקזאל, פון פארטראגען שטילערהייט, וואס גאטספארכטיגקייט האט איהר געלערענט, ווען זי האט ניט געדענקט, אז זי וועט זיי ווען דארפען. אויסער דעם, אזוי ווי איהר אונגליק איז איהר פריהער באקאנט געווארען, האט ער פריהער געדארפט אויפהערען צו שטערען דעם רעגעלמעסיגען גאנג פון פליכטען. דערפאר, ווען זי האט אוועקגעשטעלט דעם טיש פאר דעם פייער און צוגעגרייט אן ארימען מאהלצייט, האט זי אנגענומען די האנד פון איהר חבר'טארין.

— נעגוג, טייערע שוועסטער. דו האסט נאך היינט קיין ביסען ניט געהאט אין דיין מויל, — האט זי געזאגט. — איך בעט דיך, הויב זיך אויף, און לאמיר מאכען א ברכה אויף דעם וואס איז אנגעגרייט געווארען פאר אונז.

איהר שוועגערין איז געווען פון א לעבעדיגען, זיך אויפרעגענדען טעמפעראמענט, און די ערשטע וועהטאגען פון איהר צער האט זי אויסגעדריקט דורך געשרייען און לײדענשאפטליכע קלאגערייען. זי האט זיך יעצט אפגעקעהרט פון מערי'ס ווערטער, ווי א געפעהרליך פארוואונדעטער פון דער האנד, וואס זוכט אפצולעבען זיין פולס.

— עס איז מעהר ניטא קיין ברכה פאר מיר, און איך וועל עס אויך ניט בעטען! — האט מארגארעט געשריען, מיט א נייעם אויסברוך פון טרעהרען. — הלואי וואלט עס געווען גאט'ס ווילען איך זאל קיינמאל מעהר ניט פארזוכען קיין שפייז!

דאך האט זי געציטערט כמעט גלייך ווי איהר פארצווייפלונג האט ארויסגעשריען די דאזיגע רעבעלישע אויסדריקע, און ביסלעכווייז איז מערי'ן געלונגען צו ברענגען איהר שוועסטער נעהנטער צו איהר אייגענער שטימונג. די צייט איז זיך געגאנגען, און עס איז אנגעקומען זייער געוועהנליכע צייט צו געהן שלאפען. אריינטרעטענדיג אין זייער פארהייראטען צושטאנד בלויז מיט די מאגערע מיטלען וואס האבען דאן ערלויבט אזא שריט, האבען די ברידער און זייערע פרויען זיך פאראייניגט אין איין געזינד, מיט גלייכע רעכטע צו דער סאליע און באזונדערע רעכטע צו די צוויי שלאףצימערען וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון ביידע זייטען פון דער סאליע. אהין האבען די שוועסטער זיך צוריקגעצויגען, נאכדעם ווי זיי האבען אנגעשאטען אש אויף די אפשטארבענדע האלצוועשקעס פון זייער פייער און צוגעשטעלט אן אנגעצונדענעם לאמפ אויף דער הרובע. די טירען פון ביידע שלאפצימערען זיינען געלאזען געווארען אפען, אזוי אז אין יעדען צימער האט מען געקענט זעהן א טייל פון דעם אנדערען צימער און די בעט מיט די אפענע פארהאנגען. דער שלאף איז ניט באפאלען ביידע שוועסטער אין איין און דער זעלבער צייט. מיט מערי'ן האט פאסירט דאס, וואס איז אפט דער רעזולטאט פון א שטיל פארבארגענעם וועהטאג: זי איז גלייך פארזונקען געווארען אין צייטווייליגער פארגעסליכקייט, בעת מארגארעט איז געווארען אלץ אונרוהיגער און פיבערדיגער, וואס מעהר די נאכט איז געגאנגען איהרע טיפסטע און שטילסטע שטונדען. זי איז געלעגען צוהערענדיג זיך צו די טראפענס רעגען וואס זיינען געפאלען מאנאטאן איינס נאך דאס אנדערע, אונבאוועגט אפילו פון א ווינטעל; און א נערוועזער אימפולס האט איהר כסדר געמאכט אויפהויבען דעם קאפ פון קישען און אריינקוקען אין מערי'ס צימער און אין מיטעלסטען צימער. דאס קאלטע ליכט פון דעם לאמפ האט געווארפען דעם שאטען פון די מעבעל אויפ'ן וואנד, ארויפשטעמפלענדיג זיי דארטען אונבאוועגליך, אויסער ווען זיי זיינען געווען אויף זייערע אלטע פלעצער אויף די געגענאיבערדיגע זייטען פון הרובע, וואו די ברידער פלעגען אפט זיצען מיט יונגען און לאכענדען שטאלץ, אלס די הויפט פון די פאמיליעס; צוויי פשוט'ערע שטולען זיינען געשטאנען נעבען זיי, די אמת'ע טהראנען פון דער קליינער אימפעריע, וואו מערי און זי אליין האבען געהערשט אין ליבע און אין מאכט, וואס די ליבע גיט. די מונטערע שטראהלען פון פייער פלעגען שיינען אויף דעם גליקליכען קרייז, און דער טויטער שיין פון דעם לאמפ וואלט אצט זיך געפאסט פאר זייער ווידערפאראייניגונג. פלוצלונג האט מארגארעט פארהאלטען איהרע ביטערע קרעכצען, זי האט דערהערט א קלאפ אין דער גאסען־טיר.

„ווי וואלט מיין הארץ געטאנצט ערשט נעכטען ביי אט דעם קלאנג", האט זי געטראכט, דערמאנענדיג זיך דעם אנגסט, מיט וועלכען זי האט אזוי לאנג געווארט אויף נייעס פון איהר מאן. „איצט קימער איך זיך מעהר ניט אום דעם; זאלען זיי אוועקגעהן, איך וועל זיך ניט אויפהויבען".

אבער ווען אפילו מיט א מין קינדערשער רוגזה האט זי אפגעמאכט ביי זיך ניט צו עפענען, האט זי שנעל געאטעמט און אנגעשטרענגט איהרע אויערען אויפצוכאפען די ווידערהאלונג פון דעם צורוף. עס איז שווער צו זיין איבערצייגט אין דעם טויט פון איינעם, וואס מיר האבען געהאלטען פאר א צווייטען „איך". דאס קלאפען איז איצט באנייט געווארען. די לאנגע און רעגעלמעסיגע קלעפ, קענטיג געגעבען מיט דער וייכער זייט פון א פויסט, זיינען איצט באגלייט געווען פון ווערטער, וואס מען האט שוואך געקענט הערען דורך עטליכע ווענד. מארגארעט האט א קוק געטאן אין איהר שוועסטער'ס צימער, און האט איהר דערזעהן נאך אליין ליגענדיג אין די טיפענישען פון שלאף. זי האט זיך אויפגעהויבען, האט אוועקגעשטעלט איהר פוס אויף דער פאדלאגע און זי האט זיך אביסעל צורעכט געמאכט, ציטערענדיג צווישען מורא און נייגעריגקייט בעת זי האט עס געטאן.

— וואס איז מיט מיר? ! — האט זי ארויסגעקרעכצט. — איך האב גאר ניט מעהר וואס מורא צו האבען, און מיר דאכט אז איך בין צעהן מאל מעהר פייגליג ווי אימער!

כאפענדיג דעם לאמפ פון הרובע, האט זי געאיילט צום פענסטער, וואס האט אריבערגעקוקט די גאסען־טיר. דער איינאיינציגער לאדען איז געהאנגען אויף קרוקעס, האט זי איהם צוריקגעווארפען און ארויסגעשטעקט איהר קאפ א ביסעל אין דער פייכטער לופט. א לאמטערנע האט פארדרויטיגט דעם פראנט פון דער הויז, בעת א מבול פון פינסטערניש האט פארפלייצט יעדען אנדער געגענשטאנד. ווען דאס פענסטער האט א סקריפ געטאן אויף די קרוקעס, איז א מאן אין א ברייט־ראנדיגען הוט און א מאנטעל ארויסגעגאנגען פון אונטער דעם שוץ פון אריבערהענגענדען אויבערשטען שטאק, און האט געקוקט ארויף־צו צו ענטדעקען וועמען זיין רוף האט אויפגעוועקט. מארגארעט האט איהם דערקענט אלס דעם פריינדליכען קרעטשמער פון שטאדט.

— וואס האט אייך געבראכט אהער, גוטער הערר פארקער — האט די אלמנה געשריען.

— אוי, וועה, זייט איהר דאס מאדאם מארגארעט? — האט דער קרעטשמער געענטפערט. — איך האב מורא געהאט טאמער איז עס אייער שוועסטער מערי; ווייל איך האב פיינט צו זעהן א יונגע פרוי אין אונגליק, ווען איך האב ניט א ווארט פון טרייסט איהר צו זאגען.

— גאט איז מיט אייך, וואס פאר א נייעס ברענגט איהר? — האט מארגארעט געשריען.

— א ספעציעלער שליח איז דורכגעפאהרען דורכ'ן שטאדט מיט א האלבער שטונדע צוריק, — האט דער גוטער פארקער געזאגט, — פאהרענדיג פון מזרח מיט בריף פון דעם גאווערנאר און קאונסיל. ער האט זיך אפגעשטעלט אין מיין הויז זיך צו דערפרישען מיט א טראפען און א ביסען, און איך האב איהם געפרעגט וואס עס הערט זיך אויף די גרענעצען. ער האט מיר דערצעהלט, אז אונזערע זיינען ארויס די זיגער אין דער שלאכט, וועגען וועלכער דו ווייסט, און אז דרייצעהן מענער, וואס וועגען זיי האט מען באריכטעט, אז זיי זיינען טויט, זיינען געזונד און שטארק, און אייער מאן איז צווישען זיי. אחוץ דעם איז אייער מאן אויסגעקליבען געווארען אלס איינער פון די, וואס וועלען באגלייטען די געפאנגענע פראנצויזען און אינדיאנער אין דער שטאדטישער תפיסה. איך האב גערעכענט, אז איהר וועט ניט פארדריסען, ווען איך וועל שטערען אייער רוה, און איך בין אריבערגעלאפען אייך אנזאגען. א גוטע נאכט.

דאס אפזאגענדיג, האט דער באַאַהרענטער מאן גענומען אפשייד, און זיין לאמטערנע האט געלויכטען איבער'ן גאס, ברענענדיג אין שיין ניט קלארע פארמען פון זאכען און די פראגמענטען פון א וועלט, — ווי ארדנונג וואס לייכט דורך כאאס, אדער א זכרון וואס שוועבט דורך דער פארגאנגענהייט. אבער מארגארעט האט זיך ניט אפגעשטעלט באטראכטען דיזע שעהנע עפעקטען. פרייד האט אויפגעשטארהעלט אין איהר הארצען, און האט עס גלייך באלויכטען. אהן אן אטעם און מיט באפליגעלטע טריט איז זי געלאפען צו איהר שוועסטער'ס בעט. זי איז אבער שטעהן געבליבען ביים טיר פון צימער. א שמערצליכער געדאנק איז איהר אריין אין קאפ.

— ארימע מערי, — האט זי געזאגט צו זיך אליין. — זאל איך איהר אויפוועקען, אז זי זאל דערפיהלען איהר צער נאך מעהר דורך מיין גליק? ניין; איך וועל עס האלטען אין מיין ברוסט ביז מארגען.

זי איז צוגעגאנגען צום בעט צו זעהן אויב מערי'ס שלאף איז פרידליך. איהר פנים איז געווען טיילווייז איינגערוקט אין קישען און איז דארט געלעגען באהאלטען ווי צום וויינען; אבער מען האט יעצט געקענט זעהן א מינע פון באוועגלאזער צופרידענהייט, אזוי ווי איהר הארץ, ווי א טיפע אזיערע וואלט רוהיג געווארען ווייל איהר טויטער איז פארזונקען אזוי ווייט אינוועניג. איז עס ניט א גליק און איז עס ניט מערקווירדיג, אז זיסע חלומות ווערען הויפטזעכליך געשאפען פון אונזערע עגמת נפש'ען? מארגארעט האט זיך צוריקגעהאלטען פון אויפוועקען איהר שוועגערין, און האט געפיהלט ווי איהר אייגענער בעסערער שיקזאל וואלט איהר נגען איהר ווילען געמאכט אונטריי און ווי א פארענדערטע באציהונג, א פארמינערטע ליבע מוז זיין דער רעזולטאט פון דער ענטדעקונג, וואס זי האט געהאט צו מאכען. מיט א פלוצלונגען טראט האט זי זיך אפגעקעהרט. אבער פרייד קען מען ניט לאנג דערשטיקען אין זיך, אפילו ווען מען שטעהט פנים לפנים מיט א שווערען צער, דאך א פרעמדען צער. איהר קאפ איז געווען פול מיט אנגענעהמע געדאנקען, ביז דער שלאף האט זיך אריינגעגנב'עט און האט זיי פארוואנדעלט אין נאך אנגענעהמערע און ווילדערע טרוימען, ווי דער אטעם פון ווינטער (אבער וואס פאר א קאלטער פארגלייך!) ארבייט אויס פאנטאסטישע בלומען אויף א פענסטער.

ווען די נאכט איז שוין געווען ווייט אוועקגעגאנגען האט זיך מערי אויפגעכאפט מיט א פלוצלונגען טרייסעל. א העלער חלום האט איהר אריינגעדרעהט אין אן אונרעאלען לעבען, פון וועלכען אבער זי קען נאר געדענקען, אז ער איז איבערגעריסען געווארען אין דער אינטערעסאנטסטער שטעלע. פאר א קליינער ווילע איז דער שלאף געהאנגען ארום איהר ווי א מארגען־טהוי, שטערענדיג איהר צו דערקענען די באשטימטע שטריכען פון איהר לאגע. זי האט זיך איינגעהערט מיט א ניט פאלשטענדיגען באוואוסטזיין צו צוויי אדער דריי אויסברוכען פון א שנעלען אונגעדולדיגען קלאפען; צוערשט האט זי געהאלטען דעם טומעל פאר א נאטירליכער זאך, ווי דעם אטעם וואס זי האט געצויגען; נאכדעם האט עס אויסגעוויזען ווי א זאך וואס איז איהר ניט נוגע; און ענדליך האט זי באגריפען, דאס עס איז געווען א רוף, וואס מען דארף פאלגען. אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך דער זכרון אריינגעריסען אין קאפ; דער שלייער פון שלאף איז צוריקגעווארפען געווארען פון דעם פנים פון קומער; דאס שוואכע ליכט פון צימער און די געגענשטענדע וואס זיינען אין איהם ענטפלעקט געווארען, האבען צוריקגערופען אלע איהרע אונטערבראכענע געדאנקען און זיי צוריקגעסעהרט אזוי שנעל ווי זי האט געעפענ איהרע אויגען. עס האט זיך ווידער גע הערט א שנעלער קלאפ אין דער גאסען־טיר. מורא האבענדיג, אז איהר שוועס טער וועט זיך אויפכאפען, האט זיך מער איינגעוויקעלט אין א מאנטעל און קאפ שאן, גענומען דעם לאמפ פון דער הרוב און צוגעאיילט צום פענסטער. דור עפעס א צופאל איז עס געווען אפגעקי טעלט און האט זיך לייכט געעפענט.

— ווער איז דארט? — האט מער געפרעגט, ארויסקוקענדיג דורכ'ן פענסטע און טרייסלענדיג זיך.

דער רעגען איז געווען פאראיבער א די לבנה איז געשטאנען הויך; זי הא געשיינט אויף צובראכענע וואלקענס או בען, און אונטען אויף הייזער, שווארצ פון פייכטקייט, און אויף קליינע טייכלא פון דעם רעגען, וואס האבען זיך געגריי זעלט אין זילבער אונטער דעם שנעלע צויבער פון א ווינטעל. א יונגער מא אין מאטראזען־קליידער, נאס ווי ער וואל איצט ארויסגעקומען פון דער טיפעני פון ים, איז געשטאנען אליין אונטער' פענסטער. מערי האט איהם דערקענ אלס איינעם וואס האט געמאכט א לעבע פון קורצע נסיעות פאזע ברעג; זי האט אויך ניט פארגעסען, אז איידער זי האט חתונה געהאט, האט ער זיך גע'שדכנ' צו איהר.

— וואס זוכסטו דא, סטיווען? — האט זי געזאגט.

— זייט ניט אזוי דערשלאגען, מערי ווארים איך בין דיך געקומען טרייסט — האט געענטפערט דער ענטזאגטער ליב האבער. — דו מוזט וויסען, אז עס אי נאך ניטא קיין צעהן מינוט ווי איך בי אהיים געקומען, און די ערשטע זאך וו מיין מאמע האט מיר דערצעהלט איז ה נייעס וועגען דיין מאן. איז, ניט זאגע דיג א ווארט דער אלטער פרוי, האב איך ארויפגעקלאפט מיין היטעל און ארויסגע לאפען פון הויז. איך וואלט ניט געקענ אן אויג צומאכען איידער איך האב גע רעדט מיט דיר, מערי, צוליב אמאליג צייטען.

— סטיווען, איך האב געהאט א ב סערע מיינונג פון דיר! — האט אויסגע שריען די אלמנה, זיך באגיסענדיג מי טרעהרען, און געוואלט פארמאכען דא פענסטער, ווארום זי איז א האר ניט גע ווען געגעיגט נאכצוטאן צדוק'ס ערשטע פרוי.

— אבער ווארט א ווײלע און הע מיין געשיכטע אויס! — האט געשריי דער יונגער מאטראז. — מיר האבען א געשטעלט זעגעל־שיף נעכטען נאכמיטא וואס איז אנגעקומען פון אלט־ענגלאנ און וועמען דענקסטו האב איך דארט געזעהן שטעהענדיג אויפ'ן דעק, געזונ און מוטיג, נאר א ביסעל מאגערער ווי ע איז געווען מיט פינף מאנאטען צוריק?

מערי האט זיך ארויסגעבויגען פו פענסטער, האט אבער ניט געקענט רעדע

— דאס איז דאך געווען דיין איינצי גער מאן, — האט דער גרויסמוטיגע מאטראז פארטגעזעצט. — ער און דרי אנדערע האבען זיך גערעטעט אויף א שטאנג, ווען די „בלעסינג" האט זיך אי בערגעקעהרט מיט'ן דעק ארויף. די זע געל־שיף וועט, מיט'ן איצטיגען ווינד, אנ קומען אין האפען מיט'ן באגינען, און ד וועסט איהם דא זעהן מארגען. דאס אי דער טרייסט, וואס איך ברענג דיר, מערי און האב מיר א גוטע נאכט.

ער האט אוועקגעאיילט און מערי האט איהם נאכגעקוקט מיט צווייפעל און שטיי נענדען גלויבען אין דער רעאליטעט פו דער ערשיינונג. די רעאליטעט האט אויס געוויזען דא שוואכער און דא שטארקער לויט דעם, ווי דער מאטראז איז אריינגע גאנגען אין דעם שאטען פון די הייזער אדער זיך באוויזען אין די פאסען לבנה' ליכט. ביסלעכווייז אבער איז א כוואליע פון איבערצייגונג אנגעקוואלען אין איהר הארצען, געגוג שטארק איהר בייצוקומען. איהר ערשטער אימפולס איז געווען אויס צוואוועקען איהר שוועגערין און איהר דער צעהלען וועגען דאס ניי־געבארענע גליק. זי האט געלאזט פאלען די שטראהלען פון לאמפ אויף דער באוועגלאזער פיגור פון דער אלמנה. מארגארעט איז געלעגען אין אן אונרוהיגען שלאף, און דער צורעק איז געווען ארפגעוואקט; איהרע יונג באקען זיינען געווען פארראיטעלט און איהרע ליפען זיינען געווען האלב געעפענ אין א בולט'ען שמייכעל, וואס דער ווע איז איהם פארשטעלט געווען דורך איהרע פארמאכטע אויגען־דעקלעך און האט זיך געראנגעלט ארויס פון דעם גאנצען פנים.

— מיין ארימע שוועסטער! א ש דיך אויפצואוועקען צו פריה פון דעם גליקליכען חלום, — האט מערי געטראכט.

איידער זי איז אוועקגעגאנגען, האט זי אוועקגעשטעלט דעם לאמפ און געפר מען צורעכט מאכען איהר בעט־געוואנד, אזוי אז די קאלטע לופט זאל ניט פארי שארען דער פארשוויצטער שלאפענדער. אבער איהר האנד האט אנגעפאנגען ציטע רען לעבען מארגארעט'ס האנד, א טרעה איז ארונטערגעפאלען אויף איהר ב א.ן מארגארעט האט זיך פלוצלונג איהר געכאפט...

אידיש פון ג. [illegible]

בײַ די רעגנע מאַנטעל מאַכער פון באָסטאָן

פון פ. מיונסאָן.

אונזער אגרימענט מיט אונזערע באַלעבאַטים ענדיגט זיך דעם ערשטען פעברואַר, 1921, און אונזערע באַלעבאַטים ווילען באַנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאָן. אָבער אין זייער ווילען באַנייען דעם אגרימענט ליגט באַהאַלטען א געפאַהר פאַר דער יוניאָן. די באַלעבאַטים פון אַנדערע טריידס זאָגען אָפען, אַז זיי ווילען ניט האַנדלען מיט דער יוניאָן, אָדער אַז זיי ווילען „אָפען שעפּער". אונזערע טוען דאָס אויף א מעהר אַנשטענדיגען שטייגער, זיי האָבען גאָר ניט צו דער יוניאָן! פאַרקערט, די יוניאָן איז זיי זעהר אַנגענעהם און זיי ווילען מיט איהר האַנדלען. וואָס דען? בלויז א קלייניגקייט: זיי ווילען נאָר, אַז די יוניאָן זאָל זיי נאָכגעבען 8 פונקטען און אַלעס וועט זיין גוט און וואויל.

און דאָס זיינען די 8 פונקטען:

1) אָפּשאַפען אַלע גאַרמענטס ווי לעטערעטעס, גאַרבענדאַונס, „סובמאַרינס" און אַלע אַנדערע גאַרמענטס, פאַר דער זעלבער פרייז ווי א רעגעלער גאַרמענט.

2) וואָך־אַרבייטער, ווי פינישערס און קאַטערס, זאָלען קריגען טיים און א האַלב פאַר אָווערטיים און זאָלען ניט קריגען באַצאָהלט פאַר יום טובים.

3) א שטענדיגע קאָמיטע פון 2 פון יעדען צד (פון דער יוניאָן און פון דער אַסס'ן) זאָל אויסגעקליבען ווערען צו אויסגלייכען אַלע פראַגען פון פרייזען. די אַסס'ן וועט ניט אַנערקענען קיינע אינדיווידועלע סעטעלמענטס.

4) קיין גלייכע צוטיילונג פון אַרבייט אין צייט פון סלעק, סיידען דער באַלעבאָס וועט געפינען פאַר נויטיג דאָס צו טאָן.

5) א פאַרקלענערונג פון ווייזשעס אויף פערציג (40) פּראָצענט.

6) די יוניאָן זאָל אָננעהמען א פּאָליסי פון „קלאָוזד שאָפּ" אין באָסטאָן און אומגעגענד און אויב די יוניאָן וועט דאָס ניט קענען דורכפיהרען, זאָלען אַלע שעפּער זיינען „אָפען שעפּער".

7) דער באַלעבאָס רעזערווירט פאַר זיך די רעכט צו אַוועקשיקען יעדען אַרבייטער, וועמעס אויפפיהרונג איז ניט צופרידענשטעלענד (צום באַלעבאָס...) דער באַלעבאָס איז דער איינציגער ריכטער צו באַשטימען וואָס הייסט אונצופרידענשטעלענד אָדער ניט קיין גוטע אויפפיהרונג.

8) עס זאָל עטאַבלירט ווערען איין אַנערקענטע פּראָצעדור פון אַרביטריישאָן.

דאָס זיינען די אַכט פונקטען וואָס אונזערע באַלעבאַטים ווילען. און קיינער קען זיי ניט באַשולדיגען אַז זיי ווילען ניט האַנדלען מיט דער יוניאָן און מען דאַרף דאָך פאַרשטעהן, אַז וועגען אַזעלכע קלייניגקייטען ווי רעדוצירען די ווייזשעס אויף פערציג פּראָצענט דאַרף מען זיך ניט זאָרגען, און אַז זיי ווילען, האָבען זיי די רעכט פון „פייערען" איז אויך גאָר ניט. וואָס איז דאָ אַזוינס?... אָבער אַזוי זיינען אונזערע באַלעבאַטים אַלל רייט.

עס איז אמת, אַז אונזערע באַלעבאַטים האָבען זיך פאַרמאָסטען אויף א גאַנץ גרויסען מאַסשטאַב. זיי האָבען גערעכענט, אַז די אַרבייטער וועלען ניט באַגרייפען זייער „הויכע געדאַנקען". זייערע פאָדערונגען זיינען פאַרגעלעזען געוואָרען ביי א ספּעשעל מיטינג און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו — צו טעקסען זיך מיט 5 דאָלאַר פאַר יעדען מיטגליד אום צו זיין גרייט פאַר א קאַמף! און מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז מיר האָבען יעצט א לאָקאַוט אין 5 שעפּער און די איבעריגע שעפּער זיינען פאַרמאַכט. אונזערע מענשען געהען אַרום ליידיג שוין פאַר א לענגערע צייט און דאָך האָבען זיי איינשטימיג געשטימט פאַר'ן אַסעסמענט. ווייל זיי באַגרייפען די ערנסטקייט פון דער לאַגע און זיינען לאָיאַל און איבערגעבען צו דער אָרגאַניזאַציאָן. דערפאַר האָבען זיי קיין אַנדער ענטפער ניט געקענט געבען. אונזערע באַלעבאַטים מעגען דאָס נעהמען אין אַכט און געדענקען, אַז די רעגען־מאַנטעל מאַכערס יוניאָן לאָקאַל 7 איז גרייט זיי צו געבען א פייט. אויב זיי ווילען נאָר, קענען זיי עס קריגען. כאָטש די יוניאָן וויל פרידען, איז זי אָבער גרייט פאַר מלחמה.

* * *

מיר האָבען לעצטענס געהאַט וואַהלען פאַר באַאַמטע און פאָלגענדע פּערזאָנען זיינען ערוועהלט געוואָרען:

א. גאַרמאַן, טשערמאַן; ה. וויינער, וויס־טשערמאַן; ד. פערעלמוטער, פין. סעק.; מ. פערול, רעק. סעק. און פרעד מיונסאָן, מענעדזשער. אין דער עקזעקוטיווע זיינען ערוועהלט געוואָרען: ב. בערמאַן, א. פישמאַן, ס. פאַרמאַן, ג. קראַוויטז, דזש. קראַוויעץ, מ. קאַהאַנאָוויטש, ב. דזש. מאַקסיע, ל. רודין, מ. שעכטעל, [illegible] שוואַרץ און מ. פּרעסס.

בײַ די רעגנע מאַנטעל מאַכער פון שיקאַגאָ

פון ש. שניידער.

מיט שווערע וואָלקענס ווערט אויסגעשפּרייט דער הימעל פון אונזער מאָרגען... די גוטע צייט, ווען דער אַרבייטער האָט געהאַט וואו זיינע הענט צו פאַרקויפען, איז ווי אין דער טיפקייט פון דער נאַכט פאַרשוואונדען, און ביסלעכווייז הויבט זיך אָן אַריינצוגנב'ענען א געדאַנק פון יאוש, און עס פרעגט זיך: וואָס וועט אונז ברענגען דער מאָרגען?...

דאָס ביסעל אָפּגעשפּאָרטע געלט וואָס דער אַרבייטער האָט נאָך פאַרמאָגט, ווערט וויניגער, און קיין האָפנונג אויף בעסערע צייטען איז נאָך ניטאָ. ווערט דער מאָרגען טריבער, און יאוש'דיגער, און מיר פיהלען עס וואו מען ווארפט א בליק. און אומעטיג ווערט אויפ'ן האַרצען — דאָס איז דער אמת — דער יאוש'דיגער אמת פון דער צייט...

אַלץ מעהר און מעהר וואַקסט די אַרבייטסלאָזיגקייט, די קלעגליכע פאַרדינסטען פון ניט אָרגאַניזירטען אַרבייטער, וועלכער האָט נאָך דאָס ביסעל מזל צו בלייבען אַרבייטען, ווערט אַזוי ברוטאַל אַרונטערגעשניטען. די בעלי בתים ווייסען דאָס איצטער איז די צייט... און דער ניט־אָרגאַניזירטער אַרבייטער וועט זיכער ניט וואַגען זיך שטעלען געגען זייער ווילען, און מיט געבויגענע קעפּ קושען זיי דעם רוט... און אַזוי ווערען די קלעגליכע פאַרדינסטען פון אַרבייטער אַלץ קלענער און קלענער.

אין די אַזוי גערופענע „גוטע צייטען", ווען מיר האָבען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער גערופען זיי זאָלען זיך אַנשליסען אָן אונזערע רייען און העלפען אונז בויען אונזערע אָרגאַניזאַציעס, זיינען זיי שטום געבליבען צו אונזערע לאָזונגען, גלויבענדיג דאָס שטענדיג וועלען זייערע בעלי־בתים גוטע מענשען זיין... און דער דאָלאַר איז געוועזען זייער האָפנונג, און האָבען ניט געזעהן די גרויע צייט וועלכע האָט מיט שווערע וואָלקענס דעם מאָרגען פאַרשפּרייט, און זייערע גענאַרטע האָפנונגען צושטערט....

אמת, די שלעכטע צייט, די קללה פון דער היינטיגער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט, האָט אויך ניט געשאָנעוועט דעם אָרגאַניזירטען אַרבייטער, אָבער די בעלי־בתים ווייסען מיט וועלכען רעספּעקט מען מוז האַנדלען מיט א דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציאָן, פון קלאַסענבאַוואוסטע אַרבייטער, וועלכע זיינען שטענדיג געגרייט אויפצונעמען א קאַמף צו פאַרטיידיגען זייערע אינטערעסען ווען עס וועט נויטיג זיין, און אונזערע בעלי־בתים וואַגען עס ניט, טראָץ דער שלעכטער צייט.

אַנדערש איז אָבער מיט'ן ניט־אָרגאַניזירטען אַרבייטער. און די בעלי־בתים ווייסענדיג דאָס זיי וועלען ניט וואַגען אַרויסצוטרעטען געגען זייערע באַפעלען, ווערען זייערע פאַרדינסטען וויניגער און וויניגער; ווערען אַרויסגעוואָרפען פון די פאַבריקען, — דאָס איז א לוין פון ברויט־געבער צו זייערע טרייע דינער, וועלכע פאָלגען מיט זייערע שקלאַפּישע נשמות אויספיהרען די באַפעלען פון זייערע פאַרזאָגער... און ניט אַריינטרעטען אין די רייהען פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

און ליידער, ליידער, פאַרשטעהען זיי נאָך איצטער ניט די נויטווענדיגקייט פון אָרגאַניזאַציאָן, וואָס וואָלט געקאָנט אָפּשאַפען די טרויעריגע לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך, און בלינדערהייט, אָהן ווילען, ווערען זיי אויסגענוצט פון זייערע בעלי בתים געגען זייער אייגענע אינטערעסען. מיר האָפען אָבער דאָס דער מאָרגען וועט זיין אונזערער, די שקלאַפען פון נעכטען וועלען אונזערע בויער זיין, און העלפען אונז שמידען די קייט, וועלכע בינדט צוזאַמען דעם קלאַסען באַוואוסטען אַרבייטער צו א שענערען און העלערען מאָרגען.

אין דער זעלבער לאַגע געפינען זיך אויך די ניט אָרגאַניזירטע רעגען־מאַנטעל מאַכער, וועלכע גלויבען אין די שעהנע הבטחות פון זייערע בעלי בתים, וועלכע האָבען זיי צוגעזאָגט זאַטע זיבען יאָהר... נאָר זיי זאָלען אפילו ניט טראַכטען פון אָן אָרגאַניזאַציאָן — און ענדליך זיי ענטוישט, — מיאוס ענטוישט.

די שקלאַפען פון באַזענוואַלדען און ב. שיין, הויבען שוין אָן צו פיהלען די הייליגקייט פון אונזער לאָזונג. ווען מיר האָבען זיי גערופען אַריינטרעטען אין אונזערע רייהען, און געוואָלט זיי העלפען פאַרבעסערען זייער לאַגע, זיינען זיי געבליבען טויב צו אונזער רוף. שווער, זעהר שווער איז פון שקלאַפען ווירדיגע מענשען צו מאַכען. זיי האָבען טיר און פענסטער פאַררינעלט, קיין שטראַל פון ליכט זאָל זיך חלילה ניט דורכשניידען דורך זייער שטענדיגער פינסטערניש. אָרימע, אָרימע שקלאַפען. פאַר אייך זיינען די שטראַלען פון ליכט געווען צו שטאַרק און איהר האָט בעסער אויסגעקליבען די פינסטערניס.

די צייט, וועלכע מיר לעבען יעצט איבער, איז די שווערסטע אין דער געשיכטע פון אונזער אינדוסטריע. די רעגען־מאַנטעל מאַכער האָבען זיך אויך אַריינגעדרעהט אין קאַרעהאַר פון די טויזענדער אַרבייטסלאָזע פון אונזער שטאָדט, און אין אַזאַ צייט איז שווער אָנצופיהרען א ברייטע אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט. דאָך איז דער צושטאַנד פון אונזער אָרגאַניזאַציע א לעבהאַפטער אויף אַלע געביטען, א דאַנק די גוטע אַרבייט און איבערגעבענהייט פון די וועלכע שטעהען אויף דער שפּיצע פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן.

די רעגען־מאַנטעל מאַכער פון שיקאַגאָ זיינען אַלע מאָל פאַררעכענט געווען פאַר קלאַסען־באַוואוסטע מיטגלידער און זיינען ווירקליך געווען א שפּיגעל אין אונזער אַרבייטער משפחה. און איצטער האָבען זיי זיכער אויסגעהאַלטען די פּראָבע, טראָץ דער שלעכטער צייט אין אונזער אינדוסטריע, די אחדות אין די „שעפּער" צווישען די אַרבייטער, די צוטיילונג פון דער אַרבייט אויף קאָאָפּעראַטיווע אופנים, — איז זיכער א סימבאָל פון באַוואוסטזיניגע אַרבייטער. און ס'איז דער שטאַרקסטער באַווייז פאַר די ניט אָרגאַניזירטע אַרבייטער — די נויטיגקייט פון אָן אָרגאַניזאַציאָן. וועלען זיי נאָך אַלץ זיין גענאַרט? דאָס וועט אונז אין גיכען די צוקונפט באַווייזען.

אין מיין ערשטען אַרטיקעל אין דער „גערעכטיגקייט" זיינען דערמאָנט געוואָרען אייניגע פון אונזערע בויער וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער וויגעלע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. איצטער וועלען מיר דאָ רעדען פון איינעם וועלכער איז געקומען ווען דער בנין איז געווען פאַרטיג נאָר דער גאַנצער מעכאַניזם איז ניט געווען פאַלקאָם. עס האָט געפעהלט דער עלעקטרישער שטראָם וואָס זאָל באַלויכטען אַלע ווינקעלאַך פון אונזער געביידע, און דאָס וועט זיכער באַווייזען פ. קורינסקי, וועלכער שטעהט איצטער אויף דער שפּיצע פון אונזער אָרגאַניזאַציאָן.

פ. קורינסקי איז נאָך יונג ביי אונז, דאָך אַלט אין דער אַרבייטער באַוועגונג, וועלכער ער האָט פריי געדינט סיי מיט'ן פען און סיי מיט'ן וואָרט. פאַר אונז איז זיין פיהרערשאַפט זיכער א שריט פאָרווערטס. א דאַנק זיין טעטיגקייט און איבערגעבענהייט, וועט זיך אין גיכען אָנהויבען א באַוועגונג צו אָרגאַניזירען אַלע ווינקעלאַך פון דער רעגען־מאַנטעל אינדוסטריע, און פ. קורינסקי וועט זיכער פאַרנעמען דעם אויבען אָן אין דיזער באַוועגונג.

מיר זיינען שוין איצטער מיט מזל א גליד פון דער גרויסער משפחה פון „דזשוינט־באָאַרד". מיט'ן שידוך וועט זיכער די אויבען־דערמאָנטע קערפּערשאַפט געווינען, די דעלעגאַטען וועלכע פאָרטרעטען אונזער אָרגאַניזאַציע זיינען די פעהיגסטע און אַקטיוויסטע מיטגלידער, וועלכע האָבען שטענדיג פאַרנומען דעם אויבען אָן און באַליבט געווען ביי אַלע אונזערע מיטגלידער. מיר זיינען איבערצייגט דאָס זייערע פאַרדינסטען ביי דער „דזשאָינט באָאַרד" וועלען זיכער אָפּגעשאַצט ווערען ווען עס וועט אַמאָל געשריבען ווערען די געשיכטע פון דיזער קערפּערשאַפט.

אונזער אַנשליסען זיך אָן דער ד. ב. איז ביי אונז געווען א פּרינציפּיעלע פראַגע, און דאָס איז געווען דער פּרינציפּ פון איינינקייט.

ס'איז אַוועק די צייט ווען קליינע קערפּערשאַפטען האָבען געקאָנט מאַכען שבת פאַר זיך. מיר לעבען אין א צייט פון גרויסע פּאַסירונגען. אונזערע שונאים ווילען פאַרניכטען דאָס וואָס מיר האָבען יאָהרען לאַנג געבויט מיט אַזוי פיעל שוועריגקייטען. מיר מוזען זיין געגרייט. אונזער קייט וואָס בינדט צוזאַמען דעם קלאַסען־באַוואוסטען אַרבייטער, מוז איינגעקלאַמערט ווערען, און איצטער נאָך מעהר ווי אַלע מאָל מוזען אונזערע רייהען שטאַרק זיין, און דאָס האָבען מיר געפיהלט ווען מיר האָבען זיך אַנגעשלאָסען אָן דער „דזשאָינט באָאַרד."

און מיט אונזער שידוך האָט די אויבען דערמאָנטע קערפּערשאַפט גענומען אויף זיך א גרויסע פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע, זיי ווייסען גוט דאָס די גאַנצע אינדוסטריע פון רעגען־מאַנטלען איז נאָך ווייט ניט אונטער אונזער השגחה. דער אָרגאַניזאַציאָנס געדאַנק מוז אַריינדרינגען אין אַלע ווינקעלאַך. שווער וועט זיין דער קאַמף! דאָך וועלען מיר דורכברעכען די פעסטונגען פון שקלאַפעריי. און דאָס וועט מוזען געטאָן ווערען ביי גינסטיגע אומשטענדען. מיר גלויבען אין זייער אויפריכטיגקייט און אָרגאַניזאַציאָנס פעהיגקייט.

א בליהענדע אויפלעבונג וועט זיך אַנהייבען אין אונזער באַוועגונג, סיי אויפ'ן עקאָנאָמישען און סיי אויפ'ן קולטורעלען געביט. מיר האָבען א ברייטע פעלד צו פאַרזייען, אין אַלע ווינקעלאַך מוזען ליכט פון אויפקלערונג געצונדען ווערען. מיר מוזען שמידען אונזער שיקזאַל פאַר א שענערען און העלערען מאָרגען.

די לעצטע התראה צו די באָסטאָנער קלאָוק מאַנופעקטשורערס

(שלוס פון זייט 1.)

דעם איז געווען הויפּטזעכליך די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, וועלכע האָט ניט געהאַלטען די באַדינגונגען פון דעם אגרימענט מיט די אַרבייטער.

„איך זעה ניט איין, וואָרום אַן אַגרימענט, געשטיצט אויף דעם פּרינציפּ פון „לעבען און לאָזען לעבען" און מיט א פעסטען ענטשלוס אָפּצוהיטען איהם עהרליך, זאָל ניט קאָנען עקזיסטירען און פונקציאָנירען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע אין באָסטאָן.

„איך ערוואַרט צו זיין אין באָסטאָן נעקסטען מאָנטאָג, דעם 31טען יאַנואַר, און וועל זיין זעהר צופרידען צוזאַמענצוקומען מיט אייך אָדער מיט א קאָמיטע, אַז מעהר ווילען זיי ניט וויסען פון קיין יוניאָן, און קיין קאָלעקטיוו באַרגעינינג. זיי געפעלט ניט אַנדערש ווי צו האַנדלען מיט יעדען אַרבייטער זייערען באַזונדער.

אָבער די אַרבייטער האָבען אויך א שטיקעל דעה. זיי געפעלט דווקא בעסער דער קאָלעקטיווער אופן פון פאַרהאַנדלען מיט זייערע באָסעס. זיי ווייסען, וואָס די יוניאָן האָט אויפגעטאָן פאַר זיי, און זיי פאַרשטעהען גאַנץ גוט, אַז אָהן דער יוניאָן איז יעדער איינצעלנער פון זיי צו שוואַך געגען באָס. אויך ווייסען זיי, אַז צו פאַרלאָזען זיך אויף דעם באָס' יושר איז זעהר א ריזיקאַלישע געשיכטע. נאַטירליך האָט דער ברייוועל פון די באָסעס געמאַכט א קנאַפּען איינדרוק אויף די אַרבייטער, און זיי האָבען זיך שוין פאַר א לענגערע צייט געריסען צו אָן אָפּענעם און אַלגעמיינעם קאַמף.

אָבער די אינטערנעשאַנאַל האָט זיי ביז איצט אָפּגעהאַלטען. די אינטערנעשאַנאַל האָט געזוכט אַלערליי מיטלען, אפשר איז מעגליך צו ברענגען די באָסעס צו זייער באַזינונג, אַז זיי זאָלען פאַרשטעהן, אַז זיי פאָדערען עטוואָס, צו וואָס די אַרבייטער וועלען קיינמאָל ניט איינשטימען.

לעצטען מאָנטאָג, צוויי אוהר נאָכמיטאָג, האָט דער דזשאָינט באָאַרד פון די באָסטאָנער קלאָוקמאַכער לאָקאַלס איינבערופען א מיטינג אין טרימאָנט טעמפּעל, צו וועלכען עס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען דער גאַנצער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד, און אויף וועלכען עס האָבען גערעדט פּרעזידענט שלעזינגער, דזשענעראַל סעקרעטער אַב. באַראָף, וויס־פּרעזידענטען ניניאָ און פאַניאַ מ. קאָהען, ש. יאַנאָווסקי און אַנדערע.

דער האָל, פון אויבען ביז אונטען, איז וועלכע רעפּרעזענטירט די מאַנופעקטשורערס קאָלעקטיוו, מיט דער אַבזיכט אויסצואַרבייטען אַן אגרימענט, וועלכער זאָל האָבען אַלס זיין ציעל צו באַשיצען דעם וואוילזיין פון דער אינדוסטריע און די רעכטע פון ביידע צדדים.

„כדי מיר זאָלען זיך קאָנען צוזאַמענקומען דיזען מאָנטאָג, שרייבט איך מיט דערזעלבער פּאָסט צו מר. שניידער, דעם מענעדזשער פון דזשאָינט באָאַרד, אַז ער זאָל אייך דינען מיט אַלץ, וואָס ער קאָן אין דיזער אַנגעלעגענהייט. איך בין זיכער, דאָס, אַזוי גיך, ווי ער וועט הערען פון אייך, וועט ער גלייך באַשטימען די צייט און פּלאַץ פאַר דעם מיטינג.

„אייער,

בענדזשאַמין שלעזינגער,

„פּרעזידענט אינט. ל. ג. וו. י."

לאָמיר האָפען, אַז דער בריף וועט ניט פאַרפעהלען צו מאַכען די נויטיגע ווירקונג, און א סטרייק אין באָסטאָן וועט אויסגעמידען ווערען. אויב ניט, וועלען די געוויסענס פון די אַרבייטער און זייערע פיהרער זיין ריין פון אירגענד וועלכע שולד. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען דעם קאַמף צו פאַרמיידען. אויב די באָסעס וועלען איהם אָבער דורכאויס וועלען, וועלען זיי איהם האָבען, און פיעל מעהר, ווי זיי שטעלען זיך עס פאָר.

דער אינטערנעשאַנאַל כאָר.

אין אונזערע קרייזען האָט זיך שוין לאַנג געפיהלט די נויטיגקייט צו האָבען אַן אייגענעם כאָר, וואָס זאָל פון צייט צו צייט אַרויסטרעטען צו אונזערע שמחות.

אונזער עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט האָט זיך איצט אונטערנומען אַזאַ כאָר צו שאַפען. א כאָר פון מענער און פרויען פון אונזערע לאָקאַלס. צו זינגען אין א כאָר מוז מען ניט דווקא האָבען ערשטע קלאַסע שטימען. יעדער שטימע קאָן מיטזינגען אין א כאָר.

דער אינטערנעשאַנאַל כאָר וועט איינשטודירט ווערען און וועט זיין אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם באַריהמטען מוזיקער א. פּיראָזשניקאָף דער קאָנצערטינא מייסטער.

דער כאָר ווערט איינשטודירט יעדען פרייטאָג אָוונט, אין וועסטסייד יוניטי סענטער, פּאַבליק סקול 40, 820 איסט 20טע סטריט. קומט און שליסט זיך אָן!

די גרויסע דעבאטע

(אויף דעם 3טען פערטעל־יעהרליכ'ן מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון ד ר אינטערנעשאנאל)

פון ש. יאנאווסקי

באסטאן, מאנטאג, יאנואר 25.

זיבען זיצונגען זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען פון דעם דזש. עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל. און דאך פון דעם שטאנדפונקט פון ממשותדיגע רעזולטאטען איז כמעט ניטא וואס צו באריכטען.

דאס מיינט ניט חלילה, אז די אלע מיטינגען זיינען פון קיין באטרעף ניט. פארקעהרט, זיי זיינען געווען פון א גאנץ באזאנדערער וויכטיגקייט. יעדער איינער פון די מיטינגען איז געווען פול מיט אינטערעס און זאגאר מיט א דראמאטישען אינטערעס. דאס גאנצע לעבען און קעמפען פון דער אינטערנעשאנאל האט זיך, ווי אין א פאנאראמע, אויפגעוויקעלט פאר אלעמענס אויגען, און יעדער מאמענט פון יעדען מיטינג וועט האבען געוויס בייגעטראגען זיין חלק צו די באשליסע, וועלכע עס וועלען אנגענומען ווערען אין יעדען באזונדערען פאל, וואס ווארט אויף אן ענטשיידונג פון דעם דזש. עקזעקוטיוו באארד. אבער ביז איצט איז עס נאך ניט געקומען, ניט נאר צו די ענטשיידונגען, נאר זאגאר ניט צו א באזונדערער באשפרעכונג פון יעדער פראגע.

אונטער דיזע אומשטענדען איז שווער צו זאגען, ווען די איצטיגע צוזאמענקונפט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט זיין צו ענדע. אויב די ווייטערע פארהאנדלונגען וועלען פאדערען אזא גרינדליכקייט, אזא אלזייטיגען ארומרעדען, ווי די פארהאנדלונגען ביז איצט, קען זעהר מעגליך זיין, אז עס וועט מוזען נעמען נאך אזוי פיל צייט, ביז די זיצונגען וועלען זיך ענדיגען, עטוואס גאנץ אונגעוועהנליכעס פאר א מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

אבער, וואס איז דער וואונדער? איז דאך אויך די צייט, אין וועלכער מיר לעבען, א גאנץ אונגעוועהנליכע. די צייטען, ווען דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט זיך פארזאמעלט, און ווען יעדער פון די וויס פרעזידענטען האט געהאט צו באריכטען איבער גרויסע, שעהנע זיגע, מיט וועלכע דער גאנצער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט זיך מיט רעכט גראטולירט, זעהען איצט אויס, נאהענט ווי זיי זיינען צו אונז אין דער אמת'ען, ווי לאנג פארגאנגענע. אין דער איצטיגער צייט איז יעדער באריכט כמעט א סארט איוב־פאסט: דא זיינען די ארבייטער שוין וואכען־לאנג אהן ארבייט. אין אנאנדער פלאץ זאגט מען זיי, אז זיי וואלטען געקענט ארבייטען, ווען זיי וואלטען נאר מרוצה געווארען צו ארבייטען אויף די באדינגונגען פון די באסעס. אין א דריטען פלאץ האבען די באסעס צוגעשלאסען אין גאנצען זייערע פעקטארים. פון א פערטען פלאץ ווערט באריכטעט וועגען א מוחות־צומישעניש צווישען די ארבייטער גופא. און אלע די איוב־פאסטען, וועלכע זיינען ענטהאלטען אין די באריכטען פון אונזערע וויס פרעזידענטען, שטעלען מיט זיך פאר א בילד, וואס מאכט אייך זיכער ניט פיהלען באזאנדערס מוטיג און פרעהליך; און דאס שפיגעלט זיך אפ אויף יעדער זיצונג. די אמאליגע לוסטיגקייט, פרעהליכקייט האבען געמאכט פלאץ פאר א ביטערען ערנסט. איהר הערט איהם אין יעדער רעדע, איהר זעהט איהם אפגעשפיגעלט אין יעדען פנים. איהר פיהלט, אז, כאטש איהר זיינט ניט צווישען מענשען, וועלכע האבען פארלארען די קעפ, דעם צוטרוי צו זיך און צו די טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע, וועמעס פיהרער זיי זיינען, דאך פיהלט איהר, אז איהר זיינט בשום אופן ניט צווישען לייכטזיניגע מענשען, צווישען מענשען, וועלכע זאלען ניט פיהלען די גאנצע ערנסטקייט פון דעם מאמענט, און וועלכע זאלען ניט באגרייפען די גרויסע וויכטיגקייט פון יעדען שריט, וואס זיי מאכען, אין דעם פולסטען באוואוסטזיין, דאס דער קלענסטער פעהל־שריט קען אין דעם איצטיגען מאמענט פיהרען צו העכסט־וויכטיגע פאלגען.

דאס אלעס וועט, גלויבען מיר, איצט שוין גאנץ קלאר מאכען פאר די לעזער פון „גערעכטיגקייט", ווארום די איצטיגע זיצונג פון דזש. עקז. באארד געדויערט אזוי לאנג, און ווארום ביז איצט איז נאך ניט געפאסט געווארען קיין איינציגער באשלוס איבער קיינע פון די אויפגעווארפענע פראגען. דער גאנצער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיט פרעזידענט שלעזינגער אן דער שפיצע האבען געפיהלט, אז איידער זיי טרעטען צו צו די פאראייניצעלטע אפהאנדלונגען איבער די פארשיידענע פראגען, מוזען זיי גוט און גרינדליך באטראכטען די גרויסע פראגע פון דעם לעבען און עקזיסטענץ פון דער אינטערנעשאנאל אין אלגעמיין. זיי מוזען אונטערווארפען צו א שטרענגער קריטיק אלעס, וואס זיי האבען ביז איצט געהאלטען פאר ריכטיג, און ערשט דאן, ווען זיי וועלען קומען צו א פאלשטענדיגער איינשטימיגקייט איבער דער אלגעמיינער פיהרונג פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועלען זיי קענען צוטרעטען מיט דעם ריכטיגען קריטעריום צו די פארשיידענע פראגען, וואס פאדערען א באלדיגען ענטפער.

מען קען דארום זאגען, אז אין די לעצטע זיבען זיצונגען, צוויי פון וועלכע זיינען אפגעהאלטען געווארען אין דעם „הייליגען זונטאג", איז געמאכט געווארען א גרינדליכע רעוויזיע פון דעם סאמע פונדאמענט פון דער אינטערנעשאנאל.

און — דאס קענען מיר שוין זאגען — די דאזיגע רעוויזיע האט ארויסגעבראכט קלאר און פעסט, אז אונזער פונדאמענט איז פעסט, אז ער נויטיגט זיך ניט אין קיינע נייע אונטערשפארצען.

אין איינפאכערע ווערטער: די דעבאטע, וועלכע האט אנגעהאלטען די גאנצע לעצטע 4 זיצונגען — ווייל אין די פריהערדיגע 3 זיינען אפגעגעבען געווארען די באריכטען, פון וועלכע עס האט זיך באקומען א גאנץ קלארער בילד פון דער איצטיגער לאגע אין אלע אונזערע לאקאלס פון איבער'ן גאנצען לאנד — האט ארויסגעבראכט קלאר דעם געדאנק, אז אונזערע ביז איצט אנגענומענע פאליסים קענען און וועלען פון אונזער אינטערנעשאנאל אונטער קיינע אומשטענדען ניט אויפגעגעבען ווערען, און דאס די אינטערנעשאנאל איז באריוט און פעסט ענטשלאסען צו שטעלען אלעס אין קאן, איהר סאמע לעבען, פאר דאס, וואס זי האט ערווארבען אין די לעצטע עטליכע יאהר פאר איהר גרויסער מעמבערשיפ.

דער גרעסטער און וויכטיגסטער געווינס פאר די אינטערנעשאנאל איז די פארבייטונג פון דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט אויף וואך־ארבייט. און אט געגען דער גרויסער ערובערונג ווערט געפיהרט דעם הויפט קאמף פון דער זייט פון די באסעס געגען די ארבייטער.

איינציגע באסעס קומען ארויס אפען און זאגען: מיר ווילען ניט, מיר קענען ניט מעהר אנהאלטען די סיסטעם פון וואך־ארבייט. זי רואינירט אונז, זי רואינירט די אינדוסטריע, זי איז א רואינע פאר די ארבייטער. די איצטיגע ארבייטסלאזיגקייט, ערקלעהרען זיי, איז דער רעזולטאט פון וואך־ארבייט. גיט אונז צוריק די סיסטעם פון שטיק־ארבייט, און ארבייט וועט זיך גיסען איבער די ברעגען, מיר וועלען האבען אונזערע פראפיטען, און די ארבייטער וועלען ניט דארפען ארומגעהן לעדיג.

אנדערע, וועלכע ווייסען, וואס דאס האט געקאסט דער יוניאן דער קאמף און די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט, קומען ניט ארויס אפען פאר שטיק־ארבייט, נאר זיי פארוויקלען דעם ביטערען פיל אין די הייטעל פון „איי סטענדארד אוו פראדאקשאן", וואס איז דיזעלבע יענטע, דיזעלבע שטיק־ארבייט, נאר א ביסעלע אנדערש פארשלייערט. זיי מיינען, אז אין אזא געשטאלט וועט די יוניאן דאך, אפשר, ארונטערשלינגען דעם ביטערען פיל.

אום צו מאכען דעם פיל באזאנדערס צוציהענד ערקלעהרען זיי, אז עס וועט פאר דעם ארבייטער אליין זיין די גרעסטע טובה, ווען אט דער סטענדערד אוו פראדאקשאן וועט איינגעפיהרט ווערען. איצט איז דער ארבייטער בלינד אין באצוג צו זיין ארבייט. וויפיל ער זאל ניט ארבייטען, וויפיל ער זאל זיך ניט אנשטרענגען, קען אלץ דער געוועהנליכער באס אויפהויבען דעם געשריי, דעם פאלשען געשריי, אז דער ארבייטער באגנב'עט און באגזל'ט איהם ביי דער ארבייט; אז ער גיט איהם ניט דאס, וואס ער, דער באס, האט א רעכט צו ערווארטען פון איהם; דאס, פאר וואס ער, דער באס, באצאהלט איהם. דער רעזולטאט דערפון איז, דאס דער ארבייטער ווערט איצט געפייניגט מעהר, ווי ווען עס איז דורך דעם דאזיגען פאלשען אונטערפראדאקשאן בלבול, וועלכער וועט אבער ווערען אונמעגליך, ווען עס וועט איינגעפיהרט ווערען א געוויסער סטענדערד, א געוויסע וויסענשאפטליכע ארבייטסמאס, אזוי דאס מען זאל וויסען, וויפיל דער ארבייטער דארף געבען אין ארבייט פאר דאס געלד, וואס ער קריגט.

דער געשריי פון די באסעס, אונטערגעהאלפען פון דער פרעסע און אנדערע אגענטען פון קאפיטאל, האט ניט פארפעהלט צו מאכען אן איינדרוק אויף מאנכע ארבייטער און זאגאר אויף איינעם פון די פיהרער אין אונזערע קרייזען, אזוי דאס די אויטסיידיגע וועלט האט, מיט א געוויסען שאטען פון רעכט, אנגעהויבען צו ריידען פון א צוטיילונג פון מיינונגען אין די לייטענדע קרייזען פון דער אינטערנעשאנאל.

און אט דורך די דאזיגע קלאנגען זיינען אייניגע מאנופעקטשורערס אין פארשידענע שטעדט שטארק ערמוטיגט געווארען אין זייערע פאדערונגען אדער פאר שטיק־ארבייט, בפה מלא, אדער פאר די קאמופלאזשטע שטיק־ארבייט אונטער דעם מאנטעל פון סטענדערד אוו פראדאקשאן.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט געפיהלט, אז לענגער קען עס אזוי ניט בלייבען; אז איין מאל פאר אלע מאל מוז געשאפען ווערען פולע קלארהייט אין דער דאזיגער הויפט־וויכטיגער פראגע; אז דא קען ניט און טאר ניט זיין קיין צווייגדייטיגע שטעלונג, קיין האלב־און־האלב־פאליסי; אז די אינטערנעשאנאל מוז זיך ערקלעהרען אדער פול און גאנץ פאר וואך־ארבייט, אדער פאר שטיק־ארבייט.

אט ארום דעם פונקט האט זיך געדרעהט די גאנצע דעבאטע. און כאטש דער פונקט איז שוין ניט איין מאל דיסקוטירט געווארען אויף פריהערדיגע פארזאמלונגען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, און כאטש די שטעלונג פון דער אינטערנעשאנאל איז געווען א גאנץ קלארע, דאך קיינמאל, קיינמאל איז זי ניט באהאנדעלט געווארען מיט אזא גרינדליכקייט.

פרעז. שלעזינגער הא טערעפענט די דעבאטע מיט א צוויי־שטונדיגער רעדע, אין וועלכער דער שטאנדפונקט פון דער אינטערנעשאנאל איז פעסטגעשטעלט געווארען אויסער יעדען צווייפעל. און אין וועלכען ער האט מיט די שארפסטע ווערטער אנגעגריפען וויס־פרעזידענט פערלשטיין, וועלכער האט זיך ערלויבט צו פארטיידיגען עפענטליך א פאליסי, וועלכע איז געווען אין פאלשטענדיגען ווידערשפרוך מיט דער פאליסי און מיט די בעסטע אינטערעסען פון דער גרויסער מאיאריטעט פון אונזער יוניאן.

וויס פרעזידענט פערלשטיין האט פון זיין זייט פראבירט צו ערקלעהרען, אז ער מיינט ניט בשום אופן צו זיין א רעבעל, חלילה, נאר אויך ער האט אין זינען די בעסטע אינטערעסען פון דער אינטערנעשאנאל, און פון זיין שטאנדפונקט דענקט ער, אז ער האט עס געטאן.

וויס פרעזידענט זיגמאן טרעט דאן ארויס מיט א שארפער קריטיק אויף אלע פערלשטיין'ס ארגומענטען. ער צוגלידערט זיי, ער ווייזט אן, אז אלע זיינע באשולדיגונגען געגען וואך־ארבייט, ווי, למשל, דאס די וואך־ארבייט האט עס באשאפען דעם קליינעם מאנופעקטשורער, אדער דעם איבעל פון „סאלדזשערינג און דהי דזשאב" זיינען אין גאנצען גרונדלאז. ער לאזט ווירקליך ניט איבער קיין גאנץ ביינדעל אין דער גאנצער ארגומענטאציע פון פערלשטיין.

אויף דעמזעלבען שטייגער ווערט די דעבאטע געשפונען פון פילע אנדערע רעדנער; און, כאטש בעת מיר שרייבען דיזע ציילען, איז עס נאך צו אן אפשטימונג ניט געקומען, ווייל פילע רעדנער אויף דער ליסטע זיינען נאך ניט געקומען צום ווארט, אבער פון דעם, וואס איז ביז איצט געזאגט געווארען, זיינען מיר איבערצייגט, אז דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט שוין געפאסט זיין פעסטען באשלוס אין דער פראגע: און דאס איז, אז אין דער פראגע פון וואך־ארבייט קען ניט זיין און קען ניט געמאכט ווערען דער מינדסטער קאמפראמיס, און דאס ביז איהר לעצטען אטעמצוג איז די אינטערנעשאנאל ענטשלאסען צו קעמפען פאר דעם גרויסען געווינס, פאר דער סיסטעם פון וואך־ארבייט, פאר וואך־ארבייט פיור ענד סימפעל, אהן אלע צוטשעפענישען און פארדרעהענישען.

פארשידענע מאנופעקטשורערס זיינען אויך ארויס מיט א פאדערונג פון א לענגערער ארבייטס־וואך, פון 48, אנשטאט די ביטער־ערקעמפטע 44 שטונדען. זיי מיינען, אז זיי קענען צוריקדרעהען דעם ראד פון דער געשיכטע. דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט, נאך זיין גרינדליכער רעוויזיע פון די פרינציפען פון דער אינטערנעשאנאל און דורך דער גרויסער דעבאטע, וועלכע וועט זיכער מיט זיך רעפרעזענטירען די שעהנסטע בלאט אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל, פעסטגעשטעלט, אז קיינמאל, קיינמאל וועט די אינטערנעשאנאל ניט צושטימען צו א פארלענגערונג פון דער ארבייטס־צייט, נאר פארקעהרט — איהר פאליסי איז, וואס ווייטער, ווייטער, ביי יעדען גינסטיגען מאמענט, צו ארבייטען, צו קעמפען פאר אלץ א קירצערען ארבייטס־טאג, ביז אלע די, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין אונזערע אינדוסטריען, וועלען האבען די מעגליכקייט צו מאכען א גוטען, אנשטענדיגען לעבען דורך זייערע אינדוסטריען.

און וואס אנבאטרעפט דעם געשריי פון „סאלדזשערינג אן דהי דזשאב", איז ער, לויט דער איבערצייגונג פון דעם גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, שטארק איבערטריבען פון דער זייט פון די באסעס. די מאיאריטעט ארבייטער זיינען ערליכע מענשען, און ארבייטען לויט זייערע כחות. געוויס, אויב די באסעס האבען געמיינט, אז אין די 44 שטונדען וועלען די ארבייטער אויסארבייטען אזוי פיל, ווי אין 48, אדער ווי אין די אמאליגע 50 און 60, מוז צוגעגעבען ווערען, אז זיי האבען געמאכט א ביטערען טעות. אויב זיי האבען געמיינט, אז די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט האט נאר באצוועקט זייער בענעפיט, אז זיי זאלען פארשפארען זיך צו דינגען מיט דעם ארבייטער איבער דעם פרייז פון יעדער שטיק ארבייט, און עס זאל ניט זיין פון קיין נוצען פאר די ארבייטער, האבען זיי ווידער געמאכט א טעות. די וואך־ארבייט איז איינגעפיהרט געווארען טאקע מיט דעם צוועק, אז דער ארבייטער זאל ניט מעהר מוזען ארויסיאגען זיך די נשמה ביי דער ארבייט. און אויף אזוי ווייט איז דער גאנצער געשריי פון „אונטער־פראדוקציאן" א פאלשער געשריי, א בלבול.

אבער אין דער זעלבער צייט קען זיין, אז אין געוויסע פעלע האבען ארבייטער מיסברויכט מיט זייער גרויסען געווינס, און האבען ווירקליך ניט ערפילט זייערע פליכטען אלס עהרענהאפטע ארבייטער. אין דעם פאל איז די יוניאן באריט צו קאאפערירען מיט די מאנופעקטשורערס, און זעהן, אז זיי זאלען ניט ליידען פון די פאר אונעהרענהאפטע ארבייטער. אבער קיינמאל, קיינמאל וועלען זיי ניט ערלויבען די מאנופעקטשורערס צו מאכען געגען די ארבייטער בכלל אזעלכע פאלשע בלבולים, ווי זיי האבען עס געטאן אין דער לעצטער צייט.

דעלט זיך דא ניט וועגען אן אונטערשטיצונג מיט טויזענד אדער זאגאר צעהן טויזענד דאלאר, נור פון הונדערטע טויזענדע, און אונזער ערשטער בייטראג טאר ניט זיין וועניגער, ווי הונדערט טויזענד דאלאר, מאכט ניט אויס, וואס אונזער אייגענער פינאנציעלער צושטאנד איז ווייט ניט קיין גלענצענדער, און וואס אלערליי ערווארטעטע קעמפע פון אונזערע אייגענע יוניאנס וועלען פאדערען אלע אונזערע קאפיטאלען".

מיר צווייפלען ניט אויף א מאמענט, אז די דאזיגע רעקאמענדאציע וועט אנגענומען ווערען, און דאס באלד וועלען די סטרייקער פון דער אמאלגאמייטעד האבען דעם ערשטען בייטראג פון זייער שוועסטער ארגאניזאציאן, פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

און אז מיר ריידען שוין יא וועגען דעם, לאמיר זאגען א ווארט צו די ארבייטער פון ניו יארק בכלל, אז עס איז די העכסטע צייט, אז זיי זאלען ארויסווייזען זייער סימפאטיע צו די סטרייקער פון דער אמאלגאמייטעד מיט עטוואס מעהר, ווי מיט בלויז שבחים. זאל דא דערמאנט ווערען, אז עס איז ניט געווען קיין סטרייק, וואס האט זיך גענויטיגט אין שטיצע, וועלכען די אמאלגאמייטעד האט ניט אונטערשטיצט. זי האט אימער געהאלטען איהר האנד אפען פאר אלעם גוטעס און פראגרעסיוועס אין אונזער באוועגונג. איצט איז די צייט פאר די ארבייטער באוועגונג אפגעבען דער אמאלגאמייטעד צוריק כאטש א טייל פון דעם גרויסען חוב, וואס איהר קומט. און מיר זיינען זיכער, אז אויב אונזער ארבייטער באוועגונג וועט טאן איהר פולע פליכט, וועט קיין איינציגער סטרייקער פון דער אמאלגאמייטעד ניט קענען געטריבען ווערען דורך דעם הונגער־בייטש צוריק אין שאפ אריין, און דער קאמף פון דער אמאלגאמייטעד וועט געוואונען ווערען. מיר זיינען אויך זיכער, דאס ניט קוקענדיג אויף די גאנצע פארצווייפעלטע טאקטיק פון דער זייט פון די באסעס, איז דער זיג פון דער אמאלגאמייטעד אונפארמיידליך, אויב נאר די ארבייטער־באוועגונג וועט זיך שטעלען אזוי סאלידאריש צו דער אמאלגאמייטעד, ווי די אמאלגאמייטעד איז עס אימער געווען צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III, No. 5. New York, Friday, Jan. 28, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די שוידערליכע ניי-ענטדעקטע קאנספיראציע.

מיר האלטען אין איין פראגרעסירען. און ווער עס האט אן אנדער מיינונג, ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט ער איז. באטראכט נאר: בערך מיט איינינע יאהרען צוריק זיינען די איינציגע קאנספיראטארס געגען אונזער אויסגעצייכענטער, ניין, אלערבעסטער ארדנונג, געווען די אנארכיסטען. זיי זיינען געווען די איינציגע שונאים פון דער געזעלשאפט; נאטירליך, האט מען זיי ניט געשאנעוועט. פאר נעמען, ווען מען, אבער פאר זיי האט ניט עקזיסטירט קיין געזעץ. דאס נאך ווענינ, האט מען פאר זיי געשאפען גאנץ ספעציעלע געזעצע. מען האט זיי פארפאלגט, ווי ווילדע חיות, די טירען פון די געפענגנישע אין לאנד זיינען געשטאנען אימער ווייט אפען פאר זיי. בקיצור, זיי האבען ניט געלעקט קיין האניג פון דער געזעלשאפט, וועלכע זיי האבען עס קאנספירירט צו פארניכטען.

מען וואלט געקאנט דערפון ציהען דעם שלום, אז אזא באהאנדלונג פון די אנארכיסטען וואלט געמעגט זיין א גוטע לעהרע פאר אנדערע, וואלט געמעגט ווירקען העכסט אפשרעקענד אויף אלע, ביי וועלמען עס איז נאר דא די מינדעסטע נייגונג צו פארפיהרען א שטיקעלע מחלקה מיט דער געזעלשאפט. אבער עס האט, גאנץ מערקווירדיג, פאסירט עטוואס אנדערעס. די סאציאליסטען, וועלכע זיינען פון אייבינג אן דא באטראכט געווארען אלס אן אפיציעלע פארטיי, זיינען מיט אמאל געווארען, ווי אמאל די אנארכיסטען, העכסט-געפעהרליכע קאנספיראטארס געגען דער געזעלשאפט, און, פארשטעהט זיך, אז מען האט געהאנדעלט געגען זיי פונקט, ווי געגען די אנארכיסטען. זייערע מיטינגען זיינען באפאלען און צושטערט געווארען, ווי די אמאליגע אנארכיסטישע פארזאמלונגען; פיעלע פון זיי זיינען געשטעלט געווארען צום געריכט, און אלס קאנספיראטארס געגען אונזער אלערבעסטער ארדנונג, האבען זיי געקראגען פון די ריכטער זייערע פארדינטע שטראפען אין דער געשטאלט פון צוואנציגע יאהרען פריזאן; זייערע אויסערוועהלטע פארשטעהער אין פארשידענע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען זיינען גאנץ פשוט ארויסגעווארפען געווארען, ווייל, ווי פאסט עס טאקע פאר געזעצליבענדע מענשען, ווי דאס זיינען די געזעצגעבער פון דעם געוועהנליכען סארט, צו זיצען צוזאמען מיט אזעלכע פיינד פון דער געזעלשאפט? דער גאנצער סאציאליזם איז ערקלערט געווארען, אלס איין גרויסע קאנספיראציע. בקיצור, די צאהל פון אונזערע קאנספיראטארס, ניט קוקענדיג אויף די פיעלע אפשרעקענדע ביישפיעלע פון די פריהעריגע צייטען געגען די סאמע ערשטע קאנספיראטארס, האט זיך באדייטענד פארמעהרט.

אבער אויך ביי דעם שטעלט זיך ניט אפ אונזער פראגרעס. ער געהט אלץ ווייטער און ווייטער. איצט האט מען ענטדעקט נאך שפאגעל-נייע קאנספיראטארס: אונזערע טרייד-יוניאניסטען.

פון אלבאני קומט אן די פרעהליכע בשורה, אז א געוויסער אסעמבלימען, פרעד וועלס, האט אריינגעטראגען א רעזאלוציע אין די אסעמבלי, מען זאל באשטימען 5,000 דאלאר פאר אן אונטערזוכונג פון דער גאנצער נאדעל-טרייד-אינדוסטריע.

ווארום עפעס די נאדעל-אינדוסטריע בלויז? וואס איז אין דער נאדעל-אינדוסטריע דא מעהר אויסצופארשען וואס זאל זיין פון א גרעסערען אינטערעס פאר אונזערע געזעצגעבער, ווי אין אירגענד אן אנדער אינדוסטריע? אדער שוין-זשע מיינט מען זיך א גראב צו טאן אין די ביכער פון אונזערע מאנופעקטשורער, אום אויסצוגעפינען, ווי גרויס עס זיינען געווען זייערע פראפיטען? ניין, די אסעמבלי איז מסתמא ניט זעהר נייגעריג וועגען דעם ענין. די אונטערזוכונג פון דער נאדעל-אינדוסטריע מיינט און קאן ניט מיינען קיין אנדער זאך, ווי אביסעל א גראב צו טאן זיך אין אונזערע יוניאנס. עס איז געווען באריכטעט אין די צייטונגען, אז אלע יוניאנס אין דער נאדעל-אינדוסטריע האבען געשאפען אן אליאנץ, איז דאס זעהר א פארדעכטיגע זאך. מען דארף [illegible] וואס דאס איז. אפשר, איז עס נאר [illegible]ראציע געגען דער געזעלשאפט. [illegible]

א ווייט-פארצווייגטע ארגאניזאציע איבערן גאנצען לאנד. זי זאגט, אז איהר צוועק איז צו ארגאניזירען אלע ארבייטער אין די פארשידענע לײדיס גארמענט אינדוסטריען. אבער מא[illegible], וואס זי זאגט. מען קאן דען אלעס גלויבען היינטיגע צייטען? עס קאן גאר זיין, אז זי זאל זיין א גרויסע, מעכטיגע קאנספיראציע, מוז מען איהר אונטערזוכען. עס איז דא א גרויסע, מעכטיגע מענער-שניידער-יוניאן, וועלכע געהט אונטער דעם נאמען „אמאלגאמייטעד קלאטהינג ווארקערס אוו אמעריקא", אבער ווער ווייסט, אויב דער נאמען איז ניט מעהר, ווי א מאסקע פאר א גרויסער, פינסטערער קאנספיראציע? זאגען דאך די שניידער מאנופעקטשורער אליין, אז זייערע ארבייטער זיינען באלשעוויקעס; אז ניט גרעסערע ווייזשעס איז זייער ציעל, נאר די פארכאפונג פון דער גאנצער אינדוסטריע. אויב דאס איז אזוי, איז דאך די שניידער ארגאניזאציע א שרעקליכע געפאהר; א פאר מענשען ווערען דעפארטירט קיין רוסלאנד, און 180 טויזענד רעוואלוציאנערען געהען דא ארום פראנק און פריי. קאן מען עס דערלאזען? אודאי ניט!

און כדי עס זאל ניט בלייבען קיין צווייפעל ביי אייך וועגען דעם פראגרעס, וואס מיר האבען געמאכט, און אז מיר זיינען אויף דער שפור פון דער גרעסטער קאנספיראציע, וואס האט אמאל געסטראשעט דעם זיסען פרידען פון אונזער געזעלשאפט, קאנט איהר עס אם קלארסטען זעהן פון דעם פראצעס, וואס די שניידער-מאנופעקטשורער האבען אנגעהויבען געגען די אמאלגאמייטעד. [illegible] פעקטשורער האבען זיך ניט געקאנט דערווארטען אויף דער אונטערזוכונג פון דער אסעמבלי, און זיי האבען דארום באשלאסען צו נעמען, ווי מען זאגט, דעם אקס פאר די הערנער, און האבען אנגעקלאגט די גאנצע אמאלגאמייטעד, אלס א שרעקליכע קאנספיראציע, וועלכע מוז אפגעבראכען ווערען, ניין מוז אויסגעראטעט ווערען מיט'ן ווארצעל, אויב אונזער שעהנע לאנד זאל ניט טרעפען דאס זעלבע אומגליק, וואס האט געטראפען רוסלאנד.

איהר פארשטעהט, אונזערע שניידער-מאנופעקטשורערס האבען ניט אזוי אין זינען זייערע פערזענליכע אינטערעסען, ווי די אינטערעסען פון דעם כלל, און זיי ארט ניט, וואס פא[ר] א גרויסע סומען דער פראצעס וועט זיי אפקאסטען — וואס פאר א ראלע שפילט געלד ביי אונזערע פאטערלאנדס-רעטער! — אבי וואס גיכער באזייטיגען, פארניכטען די געפעהרליכע אמאלגאמייטעד. אודאי וועט עס אגב אורחא — אזוי מיינען זיי — אויך זיי העלפען אין דעם סטרייק, וועלכען זיי האבען שוין כמעט ווי פארלארען, אבער, נאטירליך, ניט דאס זיינען אויסען אונזערע מאנופעקטשורער. זיי זיינען העכער פון אזעלכע קלייגליכע פערזענליכע אינטערעסען. וואס זיי באצוועקען איז צו צוברעכען די שרעקליכע קאנספיראציע פון דער אמאלגאמייטעד צו פארכאפען גאנץ אמעריקא.

פארשטעהט זיך, אז געגען אזעלכע סטרייקער מוז זיין יעדער מענש, וואס האט נאר א פונק פון ליבע פאר זיין לאנד. אז מען באטראכט נאר דעם שיקזאל פון די איצטיגע בעלי בתים אין רוסלאנד, ווי זיי מוזען נעבאך איצט ארבייטען, כאפט דאך איינעם אן באמת א גרויל. ט[illegible] ווער קאן האבען די מינדעסטע סימפאטיע מיט אזעלכע מענשען?

און, אויב איהר מיינט, אז דאס וועט זיך שוין אפשטעלען ביי דער אמאלגאמייטעד, מאכט איהר א טעות. דער קלוגער [illegible]איער פון די קליידער מאנופעקטשורער איז נאר א פיאניר. באלד וועלען נאכפאלגען אין זיינע טריט אנדערע, און עס וועט פאר זיי זיין א גאנץ לייכטע זאך צו ב[illegible] אז יעדע ארבייטער ארגאניזאציע איז א קאנספיראציע, און יעדער ארבייטער א קאנספיראטאר.

איהר מיינט, אז עס איז אביסעל איבערטריבען? איהר מאכט א טעות. איז דען דא אן ארבייטער, וואס זאל ניט האבען די אמביציע ניט צו ארבייטען מעהר פאר א באס, און זיין אליין דער בעל הבית איבער זיין ארבייט? נימא! און אויב אזוי, איז, לויט דער לאגיק פון דעם שניידערשען חכם, יעדער ארבייטער אן ערטש-קאנספיראטאר. ווארים דאס איז די גאנצע [illegible] מיט דער אמאלגאמייטעד. [illegible]

בייטער וועלען אליין ווערען זייערע אייגענע בעלי בתים; ווען אין דער שניידער-אינדוסטריע וועלען ניט זיין קיין ליידיג-געהער, קיין מענשען, וועלכע זאלען צונעמען פאר זיך דעם לייבען-טייל פון די ארבייטערס פראצע.

דאס איז קאנספיראציע, דאס מיינט, לויט דעם לאיער גארדאן, אונטערגראבען דעם פונדאמענט פון אונזער איצטיגער ארדנונג. דער פונדאמענט פון דער א[יצ]טיגער ארדנונג, פארשטעהט איהר, איז דער ליידיג-געהער; און, פאלגליך, איז דער, וועלכער האט עפעס אויסצוזעצען געגען אט דעם טייל פון דער געזעלשאפט, א קאנספיראטאר. און אזוי ווי אזא קאנספיראטאר איז און מוז בעצם זיין יעדער ארבייטער, קאן עס זעהר לייכט פאסירען, לויט דעם פראגרעס, וואס מיר מאכען מיט אזא ראשיגקייט, אז באלד, באלד וועלען שטעהן אלס אנגעקלאגטע פאר'ן געריכט אין דעם מורא'דיגען פארברעכען פון קאנספיראציע אלע אונזערע טרייד-יוניאנס. מעגען זיי זיך האלטען, ווי שטיל, ווי קאנסערוואטיוו, מעגען זיי יעדען טאג ארויסקומען מיט א פייערדיגער ערקלערונג געגען דעם באלשעוויזם, עס וועט זיי אבער ווענינ וואס העלפען אזוי שנעל, ווי זיי וועלען נאר ארויסגעהן אין א סטרייק פאר העכערע ווייזשעס. באלד, באלד, און דער סטרייק אליין וועט ערקלערט ווערען, לויט דער לאגיק פון אזעלכע נארראנס, אלס גוואלדיגע קאנספיראציע.

אט דאס איז פראגרעס!

ארבייטסלאז.

מיליאנען מענשען זיינען איצט ארבייטסלאז. דאס מיינט, אז מיליאנען דערוואקסענע מענער און פרויען און נאך מעהרערע מיליאנען קליינע קינדער האבען ניט גענוג ברויט, אום אנצופילען זייערע מאגענס, גענוג קליידער צו באדעקען זיך צו האלטען ווארעם זייערע קערפערס, ניט גענוג קוילען, אום צו האלטען ווארעם זייערע וואוינונגען, אויב זיי האבען איבערהויפט אזעלכע.

דאס מיינט ארבייטסלאזיגקייט. און אזוי ווי עס איז באקאנט, אז די נויט ווייס ניט פון קיין געזעצע, וואלט מען בעדארפט ערווארטען, אז די איצטיגע צייט זאל זיין זעהר אן אומרוהיגע. א קלייניגקייט עפעס, ווען אזויפיעל מענשען האבען ניט ממש דאס סאמע נויטווענדיגסטע! און דאך הערשט ביי אונז פארהעלטניסמעסיג אמת'ער פרידען. נאר דא און דארט פאסירט אז עטליכע הונדערט ארבייטער זאלען צוקומען צו א רעסטאראן, און פאדערען עפעס עסען, ווי דאס האט פאסירט אין מאנטרעאל.

וואס באוויזט עס? נאטירליך, ניט קיין אנדער זאך, ווי דאס די מענשען פון דער נאטור זיינען באמת פרידליכע, ארדנונגס-ליבענדע מענשען. זיי וועלען גיכער שטארבען שטילערהייד וואו עס איז אונטער א בריק, אין א קאנאווע, איידער אנמאכען א טומעל, א געפילדער. נאר ווענינער ווע[לען] זיך מענשען ארייןלאזען אין אזעלכע אוואנטורעס, ווי רייאטען.

בנאמנות, זעהענדיג, ווי די מענשען פון אונזער צייט האנדלען, קענען מיר קוים גלויבען די פארשידענע מעשות פון הונגער-רייאטען, וואס מיר לייענען אין דער געשיכטע פון די פריהערדיגע צייטען. מיר פרעגען זיך: שוין-זשע האט די מענשליכע נאטור אזוי טאטאל זיך געענדערט? דאס קאן דאך ניט זיין. די מענשליכע נאטור איז אימער דיזעלבע. אויב דער מענש שטארבט היינט פון הונגער, און בלייבט א פרידליכער, ארדנונגס-ליבענדער בירגער, מסתמא איז עס דאך אלע מאל אזוי געווען. ניט אנדערש אז די גאנצע געשיכטע פון הונגער-רייאטען איז ניט מעהר ווי אן אויסגעטראכטע מעשה, און מען מעג מיט פולען רעכט ערקלערען פאר א בלבול אויף דער מענשליכער נאטור דאס ווארט, אז „די נויט ווייס ניט פון קיינע געזעצע". די פאקטען פון לעבען זיינען געגען דעם.

און, אויב עס איז אזוי, זיינען גאנץ איבעריג די אנשטרענגונגען פון מאנכע פילאנטראפישע געזעלשאפטען אין פארשידענע שטעדט ווי עס איז אויפצוהאלטען ביים לעבען אט די מיליאנען הונגער-ליידענדע, סיידען זי' טוען עס אויס אמת'ער מענשענליבע. ווי דאס איז דער פאל מיט אונזער ראקעפעלער, למשל. אבער אויב זיי טוען עס אויס מורא, אז די הונגערליידענדע זאלען זיך חלילה ניט צובונטעווען, און ניט מאכען קיין סקאנדאלען, איז די גאנצע פילאנטראפיע זייערע אן איבריגע זאך. ווארים פרידליך און ארדנונגסליבענד איז דער מענש פון דער נאטור. ער האלט ניט פון מאכען א ספעקטאקעל פון זיין נויט. ער שעמט זיך מיט איהר. ער שטארבט שטיל און רוהיג, אז קיין האן זאל אפילו ניט א קרעה טאן.

די דעפארטיישאן פון מארטענס.

וואלט מארטענס דעפארטירט געווארען, אלס דער אמבאסאדאר פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע די אמעריקאנער רעגירונג וויל ניט אנערקענען, וואלט עס געווען פון דער זייט פון אונזער רעגירונג גאנץ לאגיש. מעהר ניט, זי האט [illegible] דעפארטירט פון לאנד די [illegible] מארטענס [illegible]

איז אהער אנגעקומען, ווייל ביי זיין ערשטען אויפטריט האט ער דאך זיך ערקלערט, אלס פארטרעטער פון דער איצטיגער רוסישער רעגירונג. ער האט פון דעם קיין סוד ניט געמאכט. אט דאן האט מען איהם בעדארפט גלייך הייסען געהן. איז דאס האט אונזער רעגירונג ניט געטאן, נאר ערשט אין א פאר יאהר ארום נאך זיין קומען האט די רעגירונג באשלאסען איהם צו דעפארטירען, און האט איהם דעפארטירט אהן דעם מינדעסטען גרונד. אונזער ארבייטס-סעקרעטאר אליין האט אין זיין „ערקלערונג" פאר די דעפארטאציע פון מארטענס, ניט געבראכט דעם מינדעסטען באוויז, אז מארטענס זאל האבען דא אין אמעריקא מיט עטוואס זיך פארזינדיגט, אלס קאמוניסט, און אלס פראפאגאנדיסט. די איינציגע ערקלערונג פון ווילסאנ'ען איז די, דאס איהם געפעלט ניט די רוסישע רעגירונג. איז דאס אבער גענוג צו דעפארטירען א מענשען, וועלכער האט דא דעם מינדעסטען פארברעכען ניט באגאנגען? און דערפאר איז עס נאך איינע פון די אונזיניגע און אמת-רשעות'דיגע אויפטואונגען מיט וועלכע אונזער „ליבעראלע" אדמיניסטראציע קרוינט איהר קאריערע.

צוזאמען מיט מארטענס'ן זיינען דעפארטירט געווארען נאך 75 אנדערע ראדיקאלען, אזוי, דאס די איצטיגע שיף איז געווען די צווייטע סאוויעט-תיבה פון אמעריקא נאך רוסלאנד. דאס ציינט, אז זייט די ערשטע דעפארטאציע האט זיך אונזער לאנד מיט גארניט געענדערט.

דאך א שטיקעלע אונטערשיד איז יע דא. די ערשטע דעפארטאציע איז אויסגעפיהרט געווארען שפעט ביי נאכט, און פלוצלונג; וועהרענד די איצטיגע דעפארטאציע איז פארגעקומען אין מיטען העלען טאג, און די דעפארטירטע און זייערע פריינד האבען פאראויס געוואוסט די שטונדע, ווען די שיף מיט די געפעהרליכע מענשען פארלאזט אמעריקא פאר רוסלאנד.

איהר קאנט עס אויסטייטשען, ווי איהר ווילט: איהר קאנט זאגען, אז ביי דער ערשטער האלסייל-דעפארטאציע האט זיך די אמעריקאנער רעגירונג אביסעל געשעמט, און דארום האט זי אויסגעפיהרט איהר באשלוס ביינאכט, אז קיינער זאל עס, לכל הפחות, ניט מוזען צוזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען; און איצט האט זי אין גאנצען פארלארען די בושה, און האט אויסגעפיהרט איהר אקט אין מיטען טאג; אדער איהר קאנט עס אנדערש אויסטייטשען: ביי דער ערשטער דעפארטאציע האט די רעגירונג זיך געשראקען פאר א דעמאנסטראציע און זי האט דארום געהאלטען פאר גלייכער אפצוטאן איהר העלדענטאט אין דער שטיל. דאס מאל איז זי געווען זיכער, אז דאס איז דער לעצטער רעשטעל פון די ראדיקאלען, וואס ווערט דעפארטירט, און אז עס בלייבט קיינער ניט אין אמעריקא, ווער עס זאל דעמאנסטרירען, און דערפאר האט זי ביי זיך געפועל'ט אויסצופיהרען די דעפארטאציע אין מיטען טאג.

אויב די לעצטע פארטייטשונג איז ריכטיג, האט די רעגירונג דאך געמאכט א שטיקעל טעות. אמת, עס זיינען ניט געקומען צום שיף צו זאגען א פאהר-געזונד צו די דעפארטירטע קיינע צעהנדליגע טויזענדע, אבער עטליכע הונדערט מענשען זיינען דאך געקומען אויסצודריקען זייער פולסטע סימפאטיע מיט די דעפארטירטע, וואס באוויזט וועניגסטענס, אז וויפיל מען זאל ניט דעפארטירען, וועט א רעשטעל דאך אימער בלייבען...

א רעקאמענדאציע פון פרעזידענט שלעזינגער.

בעת דיזע שורות ווערען געשריבען, זיינען נאך די זיצונגען אין באסטאן פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל ניט צו ענדע. די באשליסע איבער די וויכטיגסטע פראגען דארפען נאך געפאסט ווערען. מיר האלטען אבער פאר נויטיג אנצואווייזען אויף איינע פון די רעקאמענדאציעס פון פרעזידענט שלעזינגער אין זיין רעפארט צום באארד, און מיר טוען דאס מעהר גערן, ווייל מיר זיינען זיכער, אז די דאזיגע רעקאמענדאציע וועט אנגענומען ווערען מיט דער פולסטער איינשטימיגקייט. מיר זיינען אין דער לאגע צו וויסען די שטימונג פון יעדען מיטגליד פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין דער באציהונג.

עס האט זיך געהאנדעלט אום די אלגעמיינע לאגע אין לאנד אין אונזערע נאדעל אינדוסטריען, און, נאטירליך, האט שלעזינגער באריהרט אויך דעם גרויסען העלדישען קאמף, וועלכען די שניידער-ארבייטער פון ניו יארק פיהרען איצט אן. ער האט אנגעוויזען אויף די גרויסע וויכטיגקייט פון דעם רעזולטאט פון דעם קאמף ניט בלויז פאר די שניידער, נור פאר אלע אונזערע אידישע ארבייטער אין די נאדעל-אינדוסטריען, און האט באמערקט דערביי, אז מיט סימפאטיע אליין קען מען ניט און מען טאר זיך ניט באנוגענען. בלויז סימפאטיע וועט ניט זאט מאכען די טויזענדע און טויזענדע הונגעריגע, און די ארבייטער וועלען מוזען מיט אלע כוחות העלפען די סטרייקענדע שניידער. ער האט אויך [illegible]

די אַרבייטערשאַפט און דער „פּובליק"

פון אברהם טובים.

...דער פובליקום איז לעצטענס געוואָרען ...ייטער פאַקטאָר אין דעם קאַמף צווישען ...ארבייטער און די הערשענדע קלאַסען ...אמעריקא. מען מאַכט פון איהם א ...נוצען און אין יעדער הינזיכט דינגט ...דער „פובליקום", פאַר דעם צוועק אויף ...יקצושטעלען די פאַרשידענע גרופּען ...ייטער, וועלכע ווילען זיך פאַרבעסערען ...לאַגע דורך העכערע שכירות אָדער דורך ...ירצערען ארבייטס־טאָג. יעדער פאַר־ ...פון די ארבייטער צו העכערען די ...ירות שטויסט זיך באַלד אָן אָן דעם ...ומענט, אַז דאָס מיינט העכערע פּריי־ ...פאַר'ן „פובליקום." נעגען אירגענד ...כען פאַרזוך פון די ארבייטער זיך צו ...בעסערען זייער לאַגע, רופט מען באַלד ...ים דעם ארגומענט, אַז דאָס „פובליקום" ...ט מוזען פאַר דעם אַלעם באַצאָהלען. ...און ביסלעכווייז איז אַזוי געשאַפען גע־ ...ען א נייער געטש, א נייער אָפּגאָט, — ...„פובליקום". דער „פובליקום" איז ...ט די שטאַרקסטע פעסטונג פון די ...ווילעגירטע קלאַסען. טויזענדער צייי־ ...גס קאָלומנען ווערען געווידמעט פאַר ...„רעכטען" און „פּריווילעגיעס" פון דעם ...רטען פובליקום", און טויזענדער עדי־ ...יעלס ווערען געשריבען פאַר איהם, ...יעדען פאַרזוך פון די ארבייטער זיך ...פאַרבעסערען די לאַגע די הויפּט טע־ ...פאַר עדיטאָריעלס, פאַר די פּרעדיגטען ...גלחים און פאַר די נאָכמיטאָג־ספּי־ ...עס פון „טשיימבער אָוו קאָמערס"־פאַ־ ...אַטען, איז געוואָרען די פראַזע: „דער ...ליקום איבער אַלעם!"

...די ארבייטער — זאָגען זיי — דאַר־ ...ניט זיין זעלבסטזיכטיג, זיי דאַרפען ...ען מעהר אין באַטראַכט זייערע מיט־ ...שען, זיי דאַרפען ניט פאָדערען מעהר ...ירות און קירצערע ארבייטס־שטונדען. ...געזעלשאַפט — זאָגען זיי — דאַרף האָ־ ...מעהר פּראָדוקציע, זאָל דאָס אַפילו ...נען א לענגערע ארבייטס־צייט, אַבי צו ...ייטיגען די ליידען פון פובליקום.

...די מלחמה־יאָהרען, מיט זייערע גע־ ...לדיגע פּראָפיטען, זיינען גאַנץ פּרוכט־ ...געווען פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם ...ס געטש, דער „פובליקום." טויזענדע ...מיליאָנערען זיינען באַשאַפען געוואָ־ ...די רייכע האָבען זיך אָנגעשאַרט ביי־ ...נען דאָלערס, פון דער פּראַצע פון די ...סע מאַסען ארבייטער. א טענדענץ ...ענטשטאַנען ביי די ארבייטער, פון ...אַלעם אויך כאָטש עפּעס צו באַקר... דאָס איז אָבער די קאַפּיטאַליסטען ...ניט געפעלען געוואָרען און זיי האָ־ ...אָנגעפאַנגען א שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדא ...דעם. זיי האָבען זיך פאַרנומען צו ...יילען די ארבייטער אין אמעריקא אין ...שידענע גרופּען, אַנרייצענדיג איין ...נגען צווייטען, און אַלץ דורך דעם ...בליקום."

...עס איז געווען א צייט, ווען די קאַ־ ...אַליסטען אין אמעריקא האָבען גע־ ...ט, דורך די לעהר־אַנשטאַלטען, צוטיי־ ...די ארבייטער דורך ראַסע, רעליגיאָן ...קאָליר. די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג ...ט אָבער געצוואונגען די ארבייטער זיך ...אָרגאַניזירען, צו ווערען סאָלידאַרישער ...ישען זיך און דאָס האָט געווירקט קע־ ...דעם איבעל פון רעליגיאָן, ראַסע און ...ליר. און די קאַפּיטאַליסטען האָבען ...ונגען א נייע מעטאָדע ווי די ארבייטער ...ער צוצוטיילען, צוצושפּליטערען, און ...ט זיי איינגעטיילט אין א „פוב־ ...ום" און אין א ניט קיין „פובליקום." ...יינט צו טאָג איז אַזוי: ווען די אר־ ...טער פאָדערען ניט צו פאַרבעסערען זיי־ ...לאַגע, זיינען זיי דאָס „פובליקום". זיי ...ען אָבער אויס פובליקום אין דער מי־ ...וואָס זיי פאָדערען העכערע שכירות. ...קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע פאַנגט באַלד ...א, אַגיטאַציע נעגען די סטרייקער און ...נאָמען פון „פובליקום" רייצען זיי אָן ...ען זיי יענע ארבייטער וואָס סטרייקען ..., דערצעהלענדיג, דאָס ווייבאַלד די אר־ ...טער וועלען דעם סטרייק געווינען, ווע־ ...די אַנדערע ארבייטער דאַרפען באַ־ ...הלען פאַר דעם וואָס די סטרייקערס ...בען געוואונען. ווען די סטרייקערס ...גנען ווידער אָן ארבייטען ווערען זיי צו־ ...דאָס „פובליקום" און די אַנדערע אר־ ...טער, וואָס געהען נאָכדעם אַרויס סטריי־ ..., ווערען אויס פובליקום.

...און אַזוי געהט עס אָן אָן אויפהער. ...רייקען די אייזענבאַהן ארבייטער, זיי־ ...די מיינערס דאָס „פובליקום" סטריי־ קען די מיינערס זיינען די אייזענבאַהן אר־ בייטער דאָס „פובליקום."

דיזע נייע מעטאָדע פון דער קאַפּיטאַ־ ליסטישער פּרעס און די קאַפּיטאַליסטי־ שע אינסטיטוציעס האָט אויפגעטאָן מעהר ווי אירגענד וואָס אַנדערש, אָפּצוציהען די סימפּאַטי פון די ניט־סטרייקענדע ארביי־ טער מיט די סטרייקענדע.

א גענויע אונטערזוכונג וועגען דעם „פובליקום" פון וועלכען די פּרעסע רעדט וועט צייגען, דאָס זיין מאַיאָריטעט באַ־ שטעהט פון ארבייטער. לויט דעם צענזוס פון יאָהר 1910 ארבייטען 38 מיליאָן מע־ נער, פרויען און קינדער ביי איינטרעג־ ליכע באַשעפטיגונגען. עפּעס ווייניגער ווי צוויי מיליאָן פון דער צאָהל זיינען באַ־ שעפטיגט ביי אַזעלכע ארבייטען, וואָס האָבען ניט קיין אמת'ען סאָציאַלען ווערט. צווישען זיי געפינען זיך קליינע הענד־ לער, רעסטאָראַטאָרס, „סטאָר קיפּערס", „בראָוקערס", געלט־פאַרלייער, און אַזוי ווייטער. פון די איבעריגע 36 מיליאָן זיינען געווען אַרום 5 מיליאָן פאַרמערס וואָס האָבען אייגענע פאַרמס און איבער 6 מיליאָן פאַרם ארבייטער. 40 פּראָצענט פון די פאַרמערס וואָס האָבען געהאַט „אייגענע" פאַרמס האָבען געאַרבייט אָהן ארבייטער און האָבען קוים געמאַכט א לעבען.

מען קאָן, אַלזאָ, פון דעם זעהן, דאָס אין יאָהר 1910 זיינען דאָ געווען אין לאַנד איבער 30 מיליאָן רעגעלע ארבייטער, און אַמווייניגסטענס נאָך 40 מיליאָן וואָס זיי־ נען פון זיי אָפּהענגיג.

דער „סקים" צו פאַנאַנדערטיילען די ארבייטער איבער דער פראַגע פון „פוב־ ליקום" קאָן באַזייטיגט ווערען נאָר דע־ מאָלט ווען די ארבייטער זאָלען פאַרשטעהן אַז זיי אַליין זיינען עס דער „פוב־ ליקום", און אַז די אינטערעסען פון איין טייל פון דעם „פובליקום" זיינען דיזעל־ ביגע ווי די אינטערעסען פון יעדען אַנ־ דערען טייל.

די ארבייטערשאַפט איז דער „פובלי־ קום". די ארבייטער זיינען יעדענפאַלס די גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם „פובלי־ קום". זייערע אינטערעסען זיינען פונ־ דעמענטאַל דיזעלבע, ניט אַכטענדיג די פאַרשידענקייט פון פאַך, ראַסע, רעליגיאָן און קאָליר. עס איז אין די אינטערעסען פון יעדער באַזונדער גרופּע ארבייטער צו העלפען פאַרבעסערען דעם לעבענס־ סטאַנדאַרד פון איטליכער אַנדערער גרו־ פּע. א פאַרערגערונג אין לעבען פון איין טייל ארבייטער, איז א פאַרערגערונג פון יעדען אַנדערען טייל, עס ווירקט איינס אויף דאָס אַנדערע אויף אָפּצושוואַכען דעם גאַנצען ארבייטער קלאַס.

דאָס קאָן מען אַמבעסטען זעהן אין די נאָדעל טריידס. דער שטאַנד פון די ארבייטער אין די מענער קליידער אינ־ דוסטריע איז איצט ניט נאָר קיין גוטער. אַלע גרויסע כוחות, און פאַקטיש אויך יע־ דער עלעמענט וואָס פאַרמירט די „עפּענט־ ליכע מיינונג", פּיהרען אָן אַן אָרגאַניזיר־ טען קאַמף, מיט'ן צוועק צו פאַרניכטען די יוניאָנס אין דער אינדוסטרי. ווען דאָס זאָל זיי חלילה געלונגען, וואָלטען זיי דורך דעם אָפּגעשוואַכט די ווידערשטאַנדס־ קראַפט אויך פון די אַנדערע ארבייטער אין די נאָדעל טריידס. גלייכצייטיג וואָל־ טען דורכדעם שטאַרקער געוואָרען די פּאָ־ זיציעס פון אַלע מאַנופעקטשורער אין דער נאָדעל אינדוסטריע. דאָס וואָלט געגעבען האָפנונגען צו די קליידער־פאַבריקאַנטען פון די אַנדערע צווייגען אין דער גאַרמענט אינדוסטריע, אויך אָנצוהויבען אַזאַ קאַמף נעגען די יוניאָנס אין די טריידס, באַזונ־ דערס אין דער ליידיס גאַרמענט אינדוס־ טריע.

מען קען, אַלזאָ, פון דעם זעהען, ווי ענג עס זיינען צוזאַמענגעבונדען די אינ־ טערעסען פון דיזע אַלע ארבייטער, כאָטש זיי זיינען באַשעפטיגט ביי באַזונדערע טריידס. אויב מיר נעמען אָן דעם פאַקט אַז די ארבייטער זיינען א „קלאַס", דאַר־ פען מיר אויך אָננעמען דעם פאַקט, אַז וואָס עס איז שעדליך פאַר איין טייל פון דעם קלאַס איז אויך שעדליך פאַר די אי־ בעריגע טיילען. מען דאַרף זיך ניט לאָזען פאַרנאַרען פון דעם געשריי וועגען דעם „פובליקום". דאָס איז בלויז איינער פון די מיטעל, מיט וועלכען די רייכע קלאַסען ווילען אָפּציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די ווירקליכע איבלען פון די היינטיגע צו־ שטאַנדען. זייער באַקלאָגען זיך אַז צו־ ליב העכערע ווידזשעס מוזען די מאַנו־ פעקטשורערס העכערען די פרייזען פון די וואָרען איז שוין לאַנג באַוויזען געוואָרען צו זיין גרונדלאָז.

אין די לעצטע פיער יאָהר זיינען אַלע פרייזען געשטיגען ניט בערך העכער ווי ווידזשעס אין אַזעלכע אינדוסטריען וואו די ווידזשעס זיינען ווייניג געהעכערט גע־ וואָרען, אַזוי ווי אין די שטאָל פאַבריקען, איז דאָך דער ארטיקעל געשטיגען פונקט אַזוי הויך ווי אין אַלע אַנדערע אינדוס־ טריען. דאָס שטייגען פון פרייזען האָט ווייניג וואָס געהאַט צו טאָן מיט ווידזשעס און עס איז שוין צייט דאָס דער גרויסער עולם זאָל וויסען דאָס, אַבוואָהל אין גע־ וועהנליכע צייטען ווערען פרייזען באַ־ שטימט לויט דעם פאַרלאַנג וואָס עקזיס־ טירט אין מאַרקעט פאַר א געוויסען אַר־ טיקעל, האָבען אָבער די בעלי בתים אין דער מלחמה צייט אַרויסגעריסען די פּריי־ זען לויט ווי עס האָט זיך זייער האַרץ גע־ גלוסט. מען האָט באַהאַלטען פון דעם ליבען „פובליקום" ביליאָנען דאָלאַר ווערט פון פאַרשידענע מאַטעריאַלען אום אויפצו־ האַלטען די הויכע פּרייזען. יעס, אין יע־ נע צייטען, צום ביישפּיעל, ווען צוקער האָט מען נאָר געקענט קריגען פאַר א משונה'־ דיגען הויכען פּרייז, האָבען די האַלבע־

(שלוס אויף זייט 15)

אונזער אויפגאַבע אויף דער פּראָווינץ

פון אלעקסאַנדער טראַכטענבערג.
(דירעקטאָר ריסוירטש דעפּאַרטמענט א. ל. ג. וו. י.)

לויט א באַשלוס פון דער לעצטער אינ־ טערנעשאַנאַל קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, האָט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד עטאַבלירט אַן „אוט אָוו טאַון דעפּאַרט־ מענט", פאַר'ן צוועק צו אָרגאַניזירען די שעפּער אין די קליינע שטעט אַרום ניו יאָרק. דער דעפּאַרטמענט איז עטאַבלירט געוואָרען די ערשטע וואָך אין מאָנאַט אויגוסט, 1920 און וויס פּרעזידענט דזש. האַלפּערין האָט באַקומען די אויפזיכט אי־ בער דער ארבייט. און זינט דער דע־ פּאַרטמענט עקזיסטירט זיינען דאָרט באַ־ שעפטיגט געווען ניין אָרגאַנייזערס.

מיר האָבען געמאַכט א אונטערזוכונג אין די אַלע טיילען פון לאַנד וואָס געהען אַריין אין דער ניט־אָרגאַניזירטער טערי־ טאָריע און באַטראַכט די צושטענדע פון דאָרטען. פון באַקוועמליכקייט וועגען זיי־ נען די שטעדט אין דער טעריטאָריע איינ־ געטיילט געוואָרען אין דרייצען דיסטריק־ טען, ווי פאָלגט:

ניו יאָרק סטייט.

1טער דיסטריקט — דזשאַמאַייקאַ אַלס סענטער, מאַספּעט, פלאַשינג, פריפּאָרט, העמפּסטעד, אַסטאָריאַ פאַרמינגדייל, רירדזשוואָוד און נאָך אַנדערע שטעטלאַך אין לאָנג איילאַנד.

2טער דיסטריקט — מאַונט ווערנאָן אַלס סענטער. יאָנקערס ניו ראָשעל, ווייטה פּליינס, מאַמעראָנעק, נייאַק און נאָך אַנדערע שטעטלאַך.

3טער דיסטריקט — פּאָקיפּסי אַלס סענטער. ניובורג, קינגסטאָן, וואַפּינגער פאָלס, האַדסאָן, ספּרינג וואַלי, פּיקסקיל, אָססיניק, קעטסקיל און די אַרומיגע פּלע־ צער.

4טער דיסטריקט — טראָי אַלס סענ־ טער. אַלבאַני גלענס פאָלס, סקענעקטעדי, וואָטערפּראָנט, וואַטערווילעט, האַדסאָן פאָלס, סאַפאָלק, סאַפערן, און נאָך אַנדערע פּלעצער „אַפּ סטייט."

ניו דזשוירזי סטייט.

5טער דיסטריקט — בעיאָן אַלס סענ־ טער. בערגען, גריינוויל און די באַ־ נאָכבאַרטע שטעטלאַך.

6טער דיסטריקט — דזשוירזי סיטי אַלס סענטער. דזשוירזי סיטי הייטס, יו־ ניאָן הילל, וועסט ניו יאָרק, האָבאָקען און וועסט האָבאָקען.

7טער דיסטריקט — קעמדען אַלס סענ־ טער. אַטלאַנטיק סיטי און די אַרומיגע פּלעצער.

8טער דיסטריקט — נוארק אַלס סענ־ טער. האַריסאָן, עליזאַבעטה, ראַהווי, אָרענדזש, בלומפיעלד, פליינפילד און קאַלדוועל.

9טער דיסטריקט — פּערטה אַמבאָי אַלס סענטער, סויטה אַמבאָי, סויטה רי־ ווער און סטאַטען איילאַנד.

10טער דיסטריקט — העקענסעק אַלס סענטער. גאַרפילד, פּעטערסאָן, לאָדיע, ניו בראַנסוויק און פּאַסאַיק.

11טער דיסטריקט; לאָנג בראַנטש אַלס סענטער. אַסבורי פּאַרק, רעד באַנק, בעל־ מאַר, פריהאָלד און די אַרומיגע פּלעצער.

קאָנעקטיקוט סטייט.

12טער דיסטריקט — ניו הייווען אַלס סענטער. האַרטפאָרד, ברידזשפּאָרט, סטעמפאָרד, דענבורי און נאָרוואָלק.

פּענסילווייניאַ סטייט.

13טער דיסטריקט — סקראַנטאָן אַלס סענטער. קאַרבאָנדייל, דונמאָר און פּאָ־ טעסווילל.

אין אַלע דיסטריקטען, א חוץ אין 7־ טען, האָבען מיר אויסגעפונען די איינ־ צעלהייטען אין באַצוג דער ליידיס גאַר־ מענט אינדוסטריע. מיר האָבען זיך דאָ אויך באַנוצט מיט דעם מאַטעריאַל וואָס איז געזאַמעלט פון די אָרגאַנייזער אין צייט פון דעם לעצטען ווייסט מאַכער סטרייק אין ניו יאָרק. אין יענער צייט האָבען די אינטערנעשאַנאַל אָרגאַנייזער זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט'ן אויסגע־ פינען די ליידיס גאַרמענט שעפּער פון די אַלע דיסטריקטען אַרום ניו יאָרק.

די הויפּט פאַקטען אין דער אונטערזו־ כונג זיינען ריכטיג, אויף ווי וויים, נאַ־ טירליך, מען האָט געקאָנט דערגעהן א טאָלק אין דעם מאַטעריאַל פון יענע אונ־ טערזוכונגען. אונטער די אומשטענדען איז ניט מעגליך געווען אומעדום צו באַ־ קומען די ריכטיגע אינפאָרמאַציע וועגען די איצטיגע ארבייטס־באַדינגונגען אין די שעפּער וואָס זיינען אונטערזוכט געוואָרען, אָבער עס איז געטאָן געוואָרען דאָס בעס־ טע אויסצוגעפינען די ריכטיגע פאַקטען.

די פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די רע־ זולטאַטען פון דער אונטערזוכונג אין די אַלע שטעטלאַך, אין באַצוג די שעפּער וואָס ווערען דאָרט באַטריבען, געשלאָסע־ נע שעפּער, שעפּער וואָס מען האָט ניט געקאָנט געפינען און אין גאַנצען צוגע־ מאַכטע שעפּער:

די פאַרטיילונג פון שטעדט און שעפּער אין די צוועלף דיסטריקטען וואָס איז אונטערזוכט געוואָרען פון דעם אוט אָוו טאַון דעפּאַרטמענט.

דיסטריקטען	צאָהל שטעדט אונטערזוכט	שעפּער: וואָס אַרבייטען	שעפּער: געשלאָסענע	שעפּער: ניט געפונען	צוגעמאַכטע	ארבייטער	פּראָצענט
New York							
I. Jamaica		7	19			577	3.4
II. Mt. Vernon	6	82	2	2	4	4731	27.5
III. Poughkeepsie	5	19	2	2	1	992	5.6
IV. Troy	5	12			3	1390	8.1
New Jersey							
V. Bayonne	1	10				350	2.
VI. Jersey City	3	13				361	2.
VII. (Not investigated)							
VIII. Newark	8	35	10	5		4359	25.3
IX. Staten Island	1	4				84	.5
X. Hackensack	4	31		2		1058	6.1
XI. Long Branch	3	15				698	4.1
Connecticut							
XII. New Haven	4	23				2274	13.2
Pennsylvania							
XIII. Scranton	3	8	7			330	1.9
TOTALS	50	271	21	11	8	17204	100.

ווי מען קאָן זעהן פון דער טאַבעלע, זיינען אין די צוועלף דיסטריקטען אונ־ טערזוכט געוואָרען 50 שטעדט. אין די שטעדט האָבען געאַרבייט אין דער צייט ווען די אונטערזוכונג איז געמאַכט גע־ וואָרען, 271 שעפּער. 21 שעפּער זיינען געווען פאַרמאַכט. 11 שעפּער, פון וועל־ כע מען האָט געוואוסט מיט א יאָהר צו־

...קעל און זיך פאַרניינט פאַר'ן דאָק־ ...ר:

— ענטשולדיגט, מיין העררע, וואָס ...איז נאָך ביז איצט ניט געלונגען אונ־ ...רצינדען אייער שעהן הויז... שוועבע־ ...זיינען איצט שרעקליך טייער. מילא, ...ל איך זיך דערפאַר שטעלען צום וואַנד... ...מען האָט פאַוולען וועקגעפיהרט. גע־ ...בב, איז נאָט! האָב איך כאָטש איין ...לשען נאָך באַוואָרנט.

אַרבייטער יוניאָנס און אַנטי־טראַסט געזעצגעבונג

פון מ. קאַלטשין.

אין 1890 איז אין אמעריקא איינגעפיהרט געוואָרען דער באַוואוסטער „שוירמאַן אַנטי טראַסט געזעץ". צו יענער צייט זיינען די טראַסטען געוואָרען אַזוי מעכטיג אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אַז דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען פּראָטעסטירען און די עפענטליכע מיינונג פון אמעריקא האָט געצוואונגען די געזעצמאַכער אַריינצומישען זיך אין דעם קאַמף צווישען די אמעריקאַנער טראַסטען און דעם אמעריקאַנער פאָלק. דערצו האָט זיך צו יענער צייט ענטוויקעלט אַ באַוועגונג צווישען די פאַרמערס, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפעלען די צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען, ביידע האָבען זיך געסטאַרעט ווי אַזוי עס איז די באַוועגונג אָפּשטעלען, און דער שוירמאַן אַנטי־טראַסט געזעץ איז געווען איינער פון די מיטלען. „דער געזעץ", האָט מען געזאָגט די פּראָטעסטאַנטען, „וועט אָפּשאַפען די אַלע איבלען, געגען וועלכע איהר פּראָטעסטירט און פון וועלכע איהר ליידט אַזוי פיל". דער געזעץ האָט געזאָלט אָפּשאַפען די טראַסטען, האָט געזאָלט ניט דערלאָזען קיין אינדוסטריעלע מאָנאָפּאָליעס, פון וועלכע די פאַרמערס אַזוי גוט ווי די אַנדערע טיילען פון דער אמעריקאַנער באַפעלקערונג האָבען געליטען.

דער געזעץ געגען טראַסטען איז איינגעפיהרט געוואָרען און ס'פאַרשטעהט זיך, אַז די טראַסטען האָט ער ווייניג געשטערט. פאַרקעהרט, ווער עס ווייסט עפּעס פון דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען, ווייסט אויך, אַז פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר, ד. ה. זינט דער אַנטי טראַסט געזעץ איז איינגעפיהרט געוואָרען, זיינען געשאַפען געוואָרען נאָך מעהר ווירטשאַפטליכע מאָנאָפּאָליעס און די אַלטע טראַסטען זיינען געוואָרען נאָך מעכטיגער, נאָך איינפלוסרייכער. זיי האָבען פאַרשפּרייט זייער קאָנטראָל איבער אַלע ווינקעלאַך פון אמעריקאַנער לעבען. דער געזעץ האָט זיי ניט געשטערט. די טראַסטען ווערען טאַקע אַמאָל איינגעלאַדען אין די קאָורטס, מען גיט אַמאָל אַרויס אַן ענטשיידונג געגען זיי, מען זאָגט זיי, אַז זיי מוזען זיך אויפלייזען, ווערען רעאָרגאַניזירט, ווי צ. ב. ש. די סטענדאַרד אויל קאָמפּאַניע, אָבער די טראַסטען וואַקסען, דער געזעץ שטערט זיי ניט.

אָבער אַ געזעץ איז אַ געזעץ. מען האָט איהם דאָך איינגעפיהרט ניט מחמת דעם וואָס מען האָט איהם געוואָלט פאַרגעסען. מען דאַרף דעם געזעץ נוצען. אָבער אַזוי ווי מען האָט איהם ניט גענוצט געגען די טראַסטען — און מען קאָן איהם ניט נוצען געגען די טראַסטען, זיי זיינען צו מעכטיג, זייער קאָנטראָל איז צו אַבסאָלוט — האָט מען איהם גענוצט געגען די אַרבייטער יוניאָנס. געגען די יוניאָנס מעג מען דאָך אַלעס. און אין 1903 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער באַוואוסטער „דענבורי העטערס קייס", אַ פּראָצעס געגען דער יוניאָן פון די העט מאַכער פון דענבורי, וועלכע האָט גערופען אַ סטרייק געגען אַ פירמע פון דענבורי און האָט אויך ערקלערט אַ בּאָיקאָט געגען דער פירמע.

די פירמע האָט געלאָדען די יוניאָן „פאַר דעמעדזשעס", וועלכע זי האָט געליטען פון דעם בּאָיקאָט, און לויט דעם געזעץ געגען טראַסטען האָט זי געפאָדערט דריי מאָל אַזוי פיל ווי זי האָט געהאַט דעמעדזשעס פון דער יוניאָן. דער פּראָצעס, ווי באַוואוסט, האָט זיך געצויגען אַרום צעהן יאָהר, און, נאַטירליך, האָט די פירמע די קייס געוואונען. דער סופּרים קאָורט, ווען די קייס איז ענדליך אָנגעקומען צו איהם, האָט אַרויסגעגעבען אַן ענטשיידונג, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז בּאָיקאָטער קאָן מען אונטעריאָגען אונטער דעם שוירמאַן אַנטי טראַסט געזעץ און אַז יוניאָנס, וועלכע פאַראייניגען זיך מיט אַ צוועק צו באַשרענקען דעם מאַרק פון סחורות, מוזען צאָהלען דריי מאָל אַזוי פיל דעמעדזשעס. וועל, אַז מען מוז, מוז מען, די יוניאָן האָט געצאָהלט, איינציגע אַרבייטער פון דענבורי האָבען זיך געמוזט אפילו אָפּזאָגען פון זייערע הייזער, ווייל מען האָט געדאַרפט צאָהלען דעמעדזשעס.

ווען דער דענבורי העטערס קייס איז נאָך געווען אין די הענט פון די ריכטער פון סופּרים קאָורט, האָט די אמעריקאַן פעדערייששאַן אָוו לייבאָר אָנגעפיהרט אַן אַגיטאַציע געגען דעם אויסנוצען פון דעם אַנטי טראַסט געזעץ געגען די יוניאָנס. און אין דעם וואַהלען קאַמפּיין פון 1912, ווען עס איז געווען קלאָר, אַז די ענטשיידונג פון סופּרים קאָורט וועט זיין געגען די יוניאָנס, איז די פעדערייששאַן געווען באַזונדער אַקטיוו. זי האָט געטרייט צו איינפלוסען די 2 גרויסע פּאַרטייען, זיי זאָלען אין זייערע פּלאַטפאָרמעס צוזאָגען די אַרבייטער, אַז דער קאָנגרעס וועט אַרויסנעמען די יוניאָנס פון דעם אַנטי טראַסט געזעץ. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט צוגעזאָגט. זי, מעהר פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, האָט זיך גענויטיגט אין שטימען. געוויס, ווי מען זאָגט, צוזאָגען און ליב האָבען קאָסט קיין געלט ניט, אָבער דעם מאָל האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איהר פאַרשפּרעכען גוטגעמאַכט. אין 1914 איז איינגעפיהרט געוואָרען דער באַוואוסטער קלייטאָן אַמענדמענט צום שוירמאַן געזעץ. לויט דיזען אַמענדמענט זיינען די יוניאָנס אויסגענומען געוואָרען פון דעם אַנטי טראַסט געזעץ. אַרבייט און אַרבייטער זיינען ערקלערט געוואָרען פאַר ניט סחורות, און אויב זיי זיינען ניט קיין סחורות, זיינען די יוניאָנס ניט קיין טראַסטען.

און עס איז געווען ששון ושמחה אין דעם לאַגער פון דער אמעריקאַן פעדערייששאַן אָוו לייבאָר. גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער פעדערייששאַן, האָט ניט איין מאָל ערקלערט, אַז דער קלייטאָן אַמענדמענט איז אַ „מאַגנאַ טשאַרטאַ" פון די אַרבייטער, אַן ערקלערונג פון אמת'ער פרייהייט פאַר די אַרבייטער. אַלעס איז געווען גוט. געוויס, עס האָבען זיך געפונען „קרענקס", וועלכע האָבען ניט געוואָלט זיין אַזוי ענטוזיאַסטיש איבער דער „ערקלערונג פון פרייהייטען", ווייל זיי זיינען געווען מיט הער מיינונג, אַז אַלעס קאָן גענוצט ווערען געגען די אַרבייטער, באַזונדערס זייער „פרייהייט", אָבער מען האָט זיך צו די „קרענקס" ניט צוגעהערט, מען האָט געפייערט אַ יום־טוב.

דאַן איז געקומען די מלחמה. דעמאָקראַטיע, די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און די אינטערעסען, וועלכע די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען דינען, זיינען געווען אין געפאַהר. אין אַרבייטער האָט מען זיך גענויטיגט, די יוניאָנס האָט מען געדאַרפט האָבען / פאַר דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, האָט מען אין די אַלטע געזעצען פאַרגעסען און נייע געזעצען געשאַפען. דער געזעץ געגען טראַסטען האָט ניט געאַרבייט און די אַרבייטער יוניאָנס האָבען געלעבט ווי די „מאַגנאַ טשאַרטאַ" האָט געבאָטען, אויב זיי זיינען געווען גוט. ווען אָבער די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָט דער געזעץ אָנגעהויבען אַרבייטען. ער האָט ניט געקאָנט, פאַרשטעהט זיך, אַרבייטען געגען די טראַסטען — זאָל אימיצער פּרובען — מען האָט דעם געגען טראַסט געזעץ, ווי פריהער, גענוצט געגען די יוניאָנס. געוויס, מיר האָבען איצטער אַ קלייטאָן אַמענדמענט, אַ „מאַגנאַ טשאַרטאַ", דאָס האָט אָבער מיט דעם ענין ווייניג צו טאָן.

די אינטערנעשאָנאַל אַסאָסיאיישאַן אָוו מאַשיניסטס האָט גערופען אַ סטרייק געגען דער דופּלעקס פּרינטינג פּרעס קאָמפּאַני. די דופּלעקס פּרינטינג פּרעס קאָמפּאַני האָט געדונגען סקעבס און אַרבייט מיט סקעבס. דאָס איז איהר רעכט. האָבען אָבער אַנדערע אַרבייטער זיך ענטזאָגט צו אַרבייטען מיט מאַשינען, וועלכע זיינען געשאַפען פון סקעבס. יוניאָנס האָבען עס יאָהרען לאַנג געטאָן. טאָרען זיי עס אָבער יעצט ניט טאָן. אַזוי האָט דער סופּרים קאָורט ערקלערט. זיי טאָרען עס ניט טאָן, ווייל דאָס איז אויך אַ פאָרמע פון בּאָיקאָט. אין דער דענבורי העטערס קייס איז עס געווען „פּריימערי בּאָיקאָט" און אין דעם דופּלעקס פּרינטינג פּרעס קייס איז עס „סעקאָנדערי בּאָיקאָט". דאָס הייסט, אַז מיט דער „מאַגנאַ טשאַרטאַ" איז די לאַגע געוואָרען נאָך ערגער, ווייל פריהער האָט מען בלויז ניט געטאָרט בּאָיקאָטירען און איצטער מוזען די יוניאָן אַרבייטער אויסהעלפען די סטרייק ברעכער, זיי טאָרען זיך ניט ענטזאָגען אַרבייטען מיט סקעבישע מאַטעריאַלען. און סעמועל גאָמפּערס איז געוויס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די ענטשיידונג פון דעם סופּרים קאָורט איז אַ קלאַפּ פאַר דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג און געגען דעם סאַמע פּרינציפּ פון יוניאָניזם.

די „קרענקס" זיינען, ווי עס ווייזט אויס, פאָרט געווען גערעכט, די „מאַגנאַ טשאַרטאַ" האָט ניט געהאָלפען, דער אַנטי טראַסט געזעץ איז נאָך אַלץ אַ געזעץ געגען די אַרבייטער יוניאָנס. ריהרט ער עפּעס אָן די טראַסטען, געגען וועלכע ער איז איינגעפיהרט געוואָרען? זעהר ווייניג. די טראַסטען וואַקסען, זיי ווערען אַלץ שטאַרקער. ערשט ניט לאַנג האָט דער זעלבער סופּרים קאָורט ערקלערט, אַז דער שטאָל טראַסט איז ניט קיין טראַסט און אַז ער קומט ניט אונטער דעם שוירמאַן אַנטי טראַסט געזעץ. ניט דערפאַר וואָס דער שטאָל טראַסט איז טאַקע ניט קיין טראַסט, ער איז אַ טראַסט, אָבער ווען מען זאָל ערקלערען, אַז דער שטאָל טראַסט איז אַ טראַסט, וואָלט עס „געשאַטעט די אינטערעסען פון דעם פּובליקום", און ווען מען זאָל ברויכען דעם אַנטי טראַסט געזעץ געגען דעם שטאָל טראַסט, וואָלט עס „געשאַפען גרויסע הזיקות צום אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל". גאַנץ קלאָרע דבורים. געזעץ צי ניט געזעץ, טראַסט צי ניט טראַסט, מיט דעם שטאָל טראַסט האָט עס ווייניג צו טאָן.

דאָס איז די לאַגע. ווען עס קומט צו אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל האָט קיין געזעץ קיין ממשות ניט, און אַז עס האַנדעלט זיך וועגען טראַסטען האָט די גאַנצע אַנטי טראַסט געזעצגעבונג קיין ממשות ניט. קיין איין לאַנד האָט ניט אַזוי פיל געזעצען געגען טראַסטען ווי אמעריקא און קיין אַנדער לאַנד האָט ניט אַזוי פיל מעכטיגע טראַסטען ווי די פאַראייניגטע שטאַטען. געגען די טראַסטען קאָן מען ניט געהן, אָבער געגען די יוניאָנס ווענדט מען אָן די געזעצען געגען טראַסטען.

צוריק אין דול־הויז

(הומאָרעסקע).

פון אַרקאַדי אַווערטשענקאָ.
איבערזעצט פון דר. ק. ליא.

מיין טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטאָן.

— האַללאָ, ווער רעדט דאָס דאָרט? — האָב איך געפרעגט.

— פון משוגעים הויז.

— פון משוגעים הויז? — וואָס מיינט איהר? וועגען וואָס רופט איהר מיך?

— וועגען איינעם אַ פּאַוועל גרעטשוכין. איהר קענט איהם.

— נו, געוויס. ער איז מיין בעסטער פריינד. אַך, דער אָרימער נעבעך! ער איז אין יאָהר 1915 משוגע געוואָרען.

— מיר קענען אייך גראַטולירען, ער איז שוין פאָלקאָם געזונט. ער בעט, איהר זאָלט קומען איהם אַהיימנעהמען.

— אַהיימנעהמען פּאַוועלען, מיין בעסטען פריינד? מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען!

איך בין גלייך אַוועק אין משוגעים־הויז און געבראַכט פּאַוועלען צו מיר אין הויז.

— אַ־ה־ה! — האָט ער אויפגעזיפצט זיך אַריינגעוואָרפענדיג אין אַ שטוהל — איך פיהל ווי איך וואָלט פון דאָס ניי געבוירען געוואָרען. ווייסט דאָך, איך בין די גאַנצע צייט געווען אין גאַנצען אָפּגעשניטען פון דער וועלט. דערצעהל מיר אַלע נייעסען, אַלע. וואָס מאַכט עפּעס ווילהעלם?

— נישקשה, אַ דאַנק.

— פריהער פאַר אַלץ וויל איך וויסען: ווער האָט וועמען באַזיגט, דייטשלאַנד רוסלאַנד אָדער פאַרקעהרט?

— די קאָאַליציע האָט באַזיגט דייטשלאַנד.

— געלויבט איז גאָט! הייסט עס אַז רוסלאַנד איז די זיגערין?

— ניין, די באַזיגטע.

— צום טייוועל, איך פאַרשטעה ניט. ווי אַזוי האָט דאָס די קאָאַליציע דערלאָזט?

— דאָס איז זעהר שווער צו ערקלערען דיר. די גאַנצע זאַך איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז דו וועסט עס ניט פאַרשטעהן.

— וואָס מאַכט ראַספּוטין?

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן, ער איז ערמאָרדעט געוואָרען.

— וואָס איז איצט רוסלאַנד, אַ רעפּובליק?

— ס'איז ניט קלאָר. שוין 4 יאָהר אַז מיר מוטשען זיך צו מאַכען עס קלאָר...

— המם... מאָדנע... און אַ שוועבעלע האָסטו? עס ווילט זיך מיר אַזוי רויכערען!

— ניין, איך האָב ניט קיין שוועבעלע, איך רויכער ניט.

— רוף אַריין די דינסט.

— מאַשאַ!

— אַט, מאַשענקאַ, אַט האָט איהר דריי קאָפּיקעס און קויפט דריי קעסטלעך שוועבעלעך.

— כי, כי, כי!

— וואָס לאַכט איהר? זאָגט מיר נור, פריינד, פאַרוואָס לאַכט זי?

— פאַרשטעהסט — ביי אונז קאָסטען איצט דריי קעסטלעך שוועבעלעך אַ סך מעהר ווי דריי קאָפּיקעס.

— מיט וויפיל מעהר?

— ניט מיט פיל. מיט אַ טויזענד רובעל מעהר...

— מעהר ניט?... המם... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— פאַרשטעהסט, פּאַוועל, אין די לעצטע יאָהרען האָבען מיר געהאַט זעהר אַ סך פייערען, אַלץ האָט געברענט, איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף שוועבעלאַך, און דעריבער זיינען זיי טייער געוואָרען.

— אַזוי!... זעה נור, ווי מיינע שיך זיינען עס צעריסען געוואָרען. הער נור, אפשר קענסטו מיר לייהען אַ 500 רובעל?

— צו וואָס דאַרפסטו זיי?

— איך וויל זיך אַביסעל באַקליידען און באַשוכען, פאַרריכטען דעם מאַנטעל, קויפען אַ פּאָר אַנצוגען, שיך, וועש...

— ניין, אַזוי פיל געלד האָב איך ניט.

— איז מעגליך אַז דו האָסט ניט קיין 500 רובעל?

— 500 רובעל איז גאָרניט. די זאַכען וואָס דו האָסט אויסגערעכענט, דאַרפען איצט קאָסטען ביי אַ צוויי מיליאָן רובעל.

פּאַוועל האָט מיך ווילד אָנגעקוקט און געשוויגען.

— פאַרוואָס ביזטו פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען? — האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן.

— אַזוי זיך... אויב אַזוי, טו גיב מיר כאָטש 500 רובעל, וועל איך פאָהרען קיין קיעוו. איך האָב דאָרט קרובים.

— זיי זיינען שוין אַלע טויט אודאי.

— אַלע?

— מסתמא אַלע.

— אָבער איך פאָהר דאָך. איך וועל אָפּנעהמען מיין חלק ירושה.

— ירושה? דאָס האָט מען שוין לאַנג צוגענומען. אַלע ירושות נעהמט איצט צו די קאָמונע.

פּאַוועל האָט מיך אָנגעקוקט מיט מאָדנע, פאַרמעדע בליקען. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער סטעליע און זיך שטיל אונטערגעזונגען.

טראַ־טראַ־טראַ, טראַ־טראַ־ טוּ,
געהיירעם האָט די קאַץ די קוה.

מיר איז געוואָרען אונהיימליך. איך האָב איהם געפּרואווט פאַראינטערעסירען אין אַן אַנדער ענין, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט. נור קיין קיעוו האָט ער געוואָלט פאָהרען.

איך האָב צו איהם גע'טענה'ט:

— וועסט אַהין קיינמאָל ניט קומען.

— פאַרוואָס?

— ווייל וועסט אָפּפאָהרען איין סטאַנציע און דאָרט זיינען שוין באָלשעוויקעס.

— וואָס איז באָלשעוויקעס?

— דאָס איז שווער צו ערקלערען. און וועסטו פאָרטיג ווערען מיט די באָלשעוויקעס, וועט זיך אָנפאַנגען דאָס לאַנד פון די מאַכנאָוויקעס, און אויב די מאַכנאָווצעס וועלען דיך ניט דער'הרג'ענען, וועלען דאָס טאָן די פּעטלורצעס. און לאָמיר אָננעהמען אַז אויך די פּעטלורצעס וועסטו אַריבערקומען בשלום און דו קומסט שוין מיט מזל אין קיעוו, וועט מען דיך דאָרט ערשט נעהמען אין צושטעלען צום וואַנד.

— נו, איז וואָס? וועל איך אַביסעל שטעהן ביים וואַנד און דאַן וועל איך אַוועקגעהן.

— אודאי וועסטו אַוועק, ווי דען אַנדערש? זיי וועלען דיך אָבער דערשיסען.

— פאַר וואָס?

— דאָס איז שווער צו זאָגען... זיכער איז, אַז מען וועט דיך דערשיסען אַלס פאַררעטער...

— אָבער איך בין דאָך אומשולדיג!

— דאָס מאַכט ניט. סיידען דו זאָלסט זיך פריהער באַזאָרגען מיט אַ פּאַפּיר פון אַ „סאָווערנאַראַן"...

פּאַוועל האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ. באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און גענומען טאַנצען און זינגען:

טשיקאַ, טשיקאַ, טשיקאַ, טשיק,
טאַנצט די באַבע אויף אַ שטריק.

— ווייסטו וואָס, פּאַוועל — האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען — לאָמיר זיך גאָר אַביסעל דורכפאָהרען און אויפ'ן וועג וועלען מיר צופאָהרען צום משוגעים הויז. איך האָב דאָרט פאַרגעסען מיין ציגאַרען פּושקע.

פּאַוועל האָט מיך אָנגעקוקט מיט דעם ביטערען בליק פון אַ משוגענעם.

— דו רויכערסט דאָך ניט?

— איך האַלט אין ציגאַרען־פּושקע מיין געלד.

— נו, לאָמיר זיך דורכפאָהרען — האָט פּאַוועל איינגעשטימט מיט אַ ביטערען שמייכעל — אויב דו ביזט מיר גוט וועל איך דיר דאָרט איבערלאָזען אויף אַ פּאָר חדשים, וועסטו געזונט ווערען.

מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען.

ער האָט געמיינט, אַז ער פיהרט מיך און איך בין געווען זיכער אַז איך פיהר איהם.

ווען מיר זיינען אַריין אין משוגעים הויז, איז פּאַוועל פון מיר אָפּגעשפּרונגען, זיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעל צימער און גענומען שרייען:

— נעהמט איהם! ער איז משוגע!

דער הויפּט דאָקטאָר איז צו מיר צוגעקומען.

— צו וואָס האָט איהר איהם ווידער געבראַכט? ער איז דאָך שוין געווען פאָלקאָם געזונד!

איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד:

— ער איז שוין ווידער פאַרטיג...

פּאַוועל איז אַרויסגעקומען פון זיין

אינטערעסט פון דעם 1-טען יאנואר אן!

ווען איהר עפענט א נייעם אקאונט היינט אין די

באנק אוו יונייטעד סטייטס

ווערט זיך די אינטערעסט פון אייער געלד אנפאנגען צו רעכענען פון

דעם ערשטען (1) יאנואר אן

אויב איהר ווילט האבען דעם פולען פארדינסט פון אייער געלד, צו וועלכען איהר זייט בארעכטיגט

דעפאזיט אייער געלד אין די באנק אוו יונייטעד סטייטס און איהר באקומט פולע

4% פראצענט אינטערעסט 4%

פאר סומא'ס פון 100 דאלאר און מעהר.

4 פראצענט אינטערעסט

די אפיסערס און דירעקטארען פון דיזער באנק, וועלכע זיינען מאנכע פון די גרעסטע מיליאנערען און פראמינענטסטע געשעפטסמענשען אין ניו יארק, האבען אין זינען די אינטערעסען פון אונ־זערע דעפאזיטארס. זיי זוכען ניט אזוי פיעל זייערע אייגענע פינאנציעלע איינקינפטע ווי צו זעהן אז יעדער פון אונזערע דעפאזיטארס זאל באקומען דעם

גערעכטען טייל וואס זייער געלד פארדיענט

ווען די 6 מאנאטען אדער דאס יאהר איז פאריבער און איהר רעכענט איבער אייער באנק ביכעל פון די באנק אוו יונייטעד סטייטס, וועט איהר האבען דעם פארגעניגען צו זעהן אז

פיער פראצענט אינטערעסט

מאכט א סך מעהר געלד אין אייער פארמעגען ווי ווען איהר וואלט באקומען וועניגער אינטערעסט.

א דאלער מעהר פארדינט, איז א דאלער מעהר פארמאגט

יעצט איז די צייט צו טראכטען פאר דער צוקונפט. פארלאזט זיך ניט אויף שפעטער ווען די פארדינסטען ווערען קלענער. ניט אייביג קען מען ארבייטען. איהר מוזט האבען אין זינען די עלטער — דער אייניצער פריינד אין נויט איז אייער געלד אין

די באנק אוו יונייטעד סטייטס

ליינט ניט אפ אויף מארגען, פאנגט אן היינט און ווערט א דעפאזיטאר אין דיזער באנק. איהר קענט עפענען אן אקאונט מיט דער קלענסטער סומע און ארויסנעהמען אייער געלד ווען איהר ווילט. צעהנדליגע טויזענדער מענשען זיינען היינט רייכע ביזנעסלייט און זעלבסטשטענדיג דורך דעם, וואס זיי האבען זיך אין די פריהערדיגע יאהרען פארזארגט אויף שפעטער.

4 פראצענט אינטערעסט

פארוואס זאל אייער געלד ניט פארדינען פיער פראצענט אנשטאט וועניגער?

קומט אריין אין איינע פון אונזערע דריי גרויסע בענקס און עפענט א נייעם אקאונט

באנק אוו יונייטעד סטייטס

Member Federal Reserve System

5טע עוועניו און 32טע סטריט

דעלענסי ברענטש:
77־79 דעלענסי סט.

הארלעם ברענטש:
מעדיסאן עוועניו און 116טע סטריט

ריס, האט מען ניט געקאנט אויסגעפינען און 9 שעפער האבען זיך אין גאנצען פארמאכט. די גאנצע צאהל ארבייטער אין דיזע שעפער איז געווען 17204.

דאס איז ניט די פולע צאהל ארבייטער, וואס ווערען פאקטיש באשעפטיגט אין די 271 שעפער, וואס זיינען אונטערזוכט געווארען. אין דיזע שעפער איז דא פלאץ פאר מעהר ארבייטער, און מען קאן רעכענען, אז אין ביזי סיזאן קאן דארט באשעפטיגט ווערען ארום 35000 ארבייטער. די אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען אין סלעק סיזאן און דעריבער זיינען דארט אין יענעם פעריאד באשעפטיגט געווען אזוי ווייניג ארבייטער. מען קאן זיך דעריבער משער זיין, וואס פאר א געפעהרליכער וואפען דיזע שעפער קאנען זיין אין די הענד פון די ניו יארקער מאנופעקטשורערס אין צייט פון א גענעראל-סטרייק, ווען זיי זאלען באזעצט ווערען מיט אזוי פיל ארבייטער, פאר וויפיל דארט איז דא פלאץ, זיי זאלען מאכען די ארבייט פון די שעפער וואס זיינען אין סטרייק.

די צווייגען אין דער אינדוסטריע.

ווענען 264 שעפער, פון די 271 וואס זיינען אונטערזוכט געווארען, זיינען אויסגעפונען געווארען די פאקטען אין באצוג די צווייגען פון דער לידיס גארמענט אינדוסטריע. צוועלף פון די שעפער, אדער 4 פראצענט, האבען זיך פארנומען מיט מאנופעקטשורען קלאוקס און סוטס. 31 שעפער, אדער 11 פראצענט, האבען זיך פארנומען מיט מאכען סקוירטס. 162 שעפער, אדער 61 פראצענט, האבען זיך פארנומען מיט מאכען וויסטס און דרעסעס. 4 שעפער, אדער 1.5 פראצענט, האבען זיך פארנומען מיט מאכען טשילדרענס דרעסעס. 4 שעפער, אדער 1.5 פראצענט, האבען געמאכט ראפערס און קימאנאס. 2 שעפער, אדער 1 פראצענט, האט געמאכט רעגען-מאנטלען. 18 שעפער, אדער 6.8 פראצענט, האבען געמאכט ווהייט גודס ארטיקלען. 14 שעפער, אדער 5 פראצענט, האבען געמאכט קארסעטען. די אנדערע 4 שעפער, א-ער 1 פראצענט, האבען געמאכט מידי בלאוזעס און „בעטה ראובס".

דאס ווייזט, אז מעהר ווי א העלפט פון די שעפער וואס זיינען אונטערזוכט געווארען, אדער 6 פראצענט, פארנעהמען זיך מיט מאכען דרעסעס און וויסטען. די נעקסטע גרויסע גרופע זיינען די סקוירט שעפער.

געשלעכט און נאציאנאליטעט

אין באצוג צו געשלעכט האבען מיר געקאנט באקומען אויסקונפט בלויז וועגען 11000 פון די 17204 ארבייטער, וואס מען האט געטראפען ארבייטען אין יענע שעפער. אין באצוג נאציאנאליטעט האבען מיר באקומען אויסקונפט וועגען 14000. מען קאן זאגען, דאס 16430 פון דיזע ארבייטער, אדער 95 פראצענט, זיינען פרויען, און 774, אדער 5 פראצענט, זיינען מענער.

די פארטיילונג לויט נאציאנאליטעטען איז ווי פאלגט:

איטאליענישע — 8770, אדער 51 פראצענט.

אמעריקאנער — 5677, אדער 33 פראצענט.

אידישע — 1892, אדער 11 פראצענט.

פוילישע — 688, אדער 4 פראצענט.

פארשיידענע — 172, אדער 1 פראצענט.

די גרויס פון דעם פראבלעם

דער „אוט אוו טאון" דעפארטמענט האט אהן צווייפעל פאר זיך א גרויסע אויפגאבע. די עקזיסטענץ פון א גרויסער צאהל ניט-ארגאניזירטע שעפער ארום ניו יארק, באסטאן און פילאדעלפיא, וואו עס ווערען באשעפטיגט ניט קיין יוניאן לייט, איז אן אייביגע געפאהר פאר דער יוניאן. בלויז א גרויסער ארגאניזאציאנס-קאמפיין אין יענער טעריטאריע קאן ברענגען די געוואונשטע רעזולטאטען. דער פלאן פון אוט אוו טאון דעפארטמענט, צו עטאבלירען סענטראל סטיישאנס פאר טעטיגקייט איבער אלע דיסטריקטען, שיינט צו זיין א זעהר גוטער. עס ווערט באצוועקט צו ארבייטען אין יעדען געגענד ביז וואנען א באשטענדיגע ארגאניזאציע וועט דארט געשאפען ווערען, וואס וועט אויפפאסען אויף די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין יענער טעריטאריע.

די פאקטען און ציפערען, וואס ווערען אנגעגעבען אין דעם ארטיקעל, לויט אונזער אונטערזוכונג, וועט האפענטליך זיין א הילף פאר דעם אוט אוו טאון דעפארטמענט אין זיין ווייטערער ארבייט אויף דעם געביט פון ארגאניזאציאן. די אונטערזוכונג גיט קלאר די פאקטען, און עס איז איצט קלעהרער וואס צו טאן און אין וועלכען געגענד די ארבייט דארף געטאן ווערען. דאס וועט געווים ניט ווייניג בייטראגען צו אונזער גרויסער אויפגאבע, אז די לידיס גארמענט אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד זאל זיין 100 פראצענט ארגאניזירט.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

איש שלום. — אייער בריף איבער דער פראגע פון א 5-טעגיגער ארבייטס-וואך איז אנגעקומען צו שפעט פאר דעם לעצטען נומער. פאר דעם איצטיגען נומער איז עס כמעט ווי איבעריג, ווייל מיט א פאר טאג פריהער וועלען די מיטגלידער פון דער יוניאן שוין האבען געשטימט איבער דעם, ווי איבער די אנדערע פונקטען. און אויב איהר וועט פרעגען ביי אונז, ווארום האט די רעדאקציע אליין גארניט געשריבען אין דעם לעצטען נומער סיי וועגען דעם פונקט פון א פינף-טעגיגע ארבייטס-וואך, און סיי וועגען דעם גאנצען אגרימענט, וועלען מיר אייך ענטפערען, אז מיר האלטען דעם גאנצען אגרימענט פאר אזוי גוט פאר די ארבייטער, אז מיר קענען ניט גלויבען אויף א מינוט, אז דער אגרימענט זאל צוריקגעוויזען ווערען. דאס וואלט געווען אזוי ווידערזיניג, אזוי געגען דעם געזונטען פארשטאנד, אז עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען, אז טויזענדע און טויזענדע ארבייטער און ארבייטערינס זאלען איהם מיט אמאל פארלירען, און שטימען געגען עפעס, וואס קען נור זיי נוצען ברענגען. מיר ווייסען, אז צווישען אונזערע ארבייטער זיינען דא מענשען, וועלכע האלטען איבערהויפט ניט פון אגרימענטס. איז אבער אויך די קענען ניט לאגישערווייזע שטימען געגען דעם אגרימענט! זיי קענען זיך ענטהאלטען פון שטימען איבערהויפט, אבער שטימען אויף גיין, אז זיי ווילען ניט קיין קלאוזד יוניאן-שאפ, אז זיי ווילען ניט האבען קיין רעכט צו אונטערזוכען, אויב זיי ווילען, די ביזנעס פון די מאנופעקטשורערס, אז זיי ווילען ניט אזוי פיל און אזוי פיל האלידעיס, אז זיי ווילען ניט ארבייטען קיין 5 טעג, נור דוקא 6 — דאס קענען מיר בשום אופן ניט גלויבען אויף דעם עקסטרימסטען „ראדיקאל", און דעריבער האבען מיר געהאלטען פאר איבעריג צו מאכען אן אגיטאציאנס-קאמפיין פאר דעם.

י. ליטוואקאוו. — מיר האבען אייך שוין ביי אן אנדער געלעגענהייט ערקלעהרט, אז מיר האלטען עס פאר א נארישקייט אייך צו ענטפערען אויף אייערע מאדנע „איינפעלע". עס איז פשוט: אדער איהר חויזעט ניט פון צו פארשטעהן, וואס איהר לייענט, אדער איהר ווילט ניט פארשטעהן. מו צו וואס זאלען מיר פארנעהמען אומזיסט פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט"?

ר. קרומקאפ. — מיר ווייסען ניט, צי איהר האט זיך אליין געגעבען דעם נאמען, צי איהר האט איהם בירושה, אבער, ווי דאס זאל ניט זיין, ער פאסט אייך. דער פאקט, אז די פראנצויזישע יוניאנס האבען אויסגעשלאסען די זאגענאנטע קאמוניסטען, איז פון אונז ניט אויסגעקלערט געווארען. עס איז געווען אין אלע צייטונגען. עס איז א פאקט. צי אונזערע יוניאנס זאלען טאן דאסזעלבע, אויף דעם האט די „גערעכטיגקייט" זיך ענטזאגט צו געבען א באשטימטען ענטפער. פארקעהרט, זי ווייזט אן אויף בעזונדערע שוועריגקייטען; למשל, די גאנץ אונשולדיגע, די פארבלענדעטע, וועלכע פלאפלען נאך פארשידענע פראזען, כאטש פרעגט זיי בחרם, מיט וואס מען עסט עס. ווייטער, אז שפיאנען און פראוואקאטארס זיינען געפעהרליך, דאס גיט איהר צו, און אז די יוניאנס מוזען עפעס טאן אום זיך צו שיצען געגען זיי. נור, איהר מיינט, אז שפיאנען און פראוואקאטארס קענען אויך זיין אין דעם פאל פון קאנסערוואטיווע. איז דער תירוץ אויף דעם: קיינמאל ניט. שפיאנען און פראוואקאטארס ווערען ארייגעשיקט אין די יוניאנס פון דער רעגירונג, ערשטענס, אום צו וויסען, ווער עס זיינען די ראדיקאלען, די פייער-ברענדס, אז די זאל זיי קענען האבען אימער אויפ'ן אויג; און, צווייטענס, אום צו פראוואצירען די יוניאנס אדער מאנכע מעמבערס אין איהר צו געוואלד-טאטען, כדי די יוניאן צו פארניכטען. א קאפעלע איבערלייגונג וועט אייך איבערצייגען, אז צו דער דאזיגער ארבייט טויג ניט פאר דער רעגירונג אן ארבייטער, וואס שפילט די ראלע פון א קאנסערוואטיווען. אזעלכער וועט ניט קריגען דעם נויטיגען צוטרוי פון די ראדיקאלען. קען ער דאך גארניט אויסשפיאנירען ביי זיי. נאך ווייניגער קען ער פראוואצירען צו געוואלד-טאטען, ווייל ער שפילט דאך די ראלע פון א קאנסערוואטיוון. פאלגליך מוזען די שפיאנען און פראוואקאטארס, ווי דאס איז אויך דער פאל, דוקא טראגען די מאסקעס פון די עקסטרימסטע ראדיקאלען, און מאכי דער פאקט, וואס גאנץ פילע עהרליכע מענשען האבען אפט געהאט שטארקע אורזאכען צו קריטיקירען די ארבייטער-באוועגונג, ווי מיר האבען עס ניט לאנג צוריק, למשל, געזעהן אין דעם פאל פון ברינדיליזם, און אין פילע אנדערע פעלע. דאס גיט דעם שפיאן, דעם פראוואקאטאר די מעגליכקייט צו ערקלעהרען, אז אלע זיינען ברינדעלס; או איינער איז ניט בעסער פאר'ן צווייטען. פארשטעהט זיך, אז דאס איז א ווילדע משוגעת. אבער זי געפינט איהרע צוהערער, און אויף אזוי פיל זיינען די שפיאנען און פראוואקאטארס א געפאהר פאר די יוניאנס. פארשטעהט זיך: וואלטען מיר געהאלטען, אז אין די פריידי-יוניאנס זיינען אלע מעמבערס אפ-קלוגע מענשען, וואלטען מיר פאר די שפיאנען און פראוואקאטארס ניט געהאט קיין גרויסער מורא צו האבען. אבער אזוי ווי מיר ווייסען, אז דאס איז ווייט ניט דער פאל, און אויס מורא, אז איין אונשולדיגער זאל ליידען, קענען מיר פאראורזאכען דעם אונגליק פון טויזענדע און טויזענדע, און אפשר פון אונזער גאנצער באוועגונג, דענקען מיר, אז די יוניאנס זיינען פאלקאם בארעכטיגט, מאראליש, צו גיין אזוי ווייט, ווי זיי קענען, נור אום צו אונטערדריקען די דאזיגע פעסט.

י. מאוועסאן. — זעהט אונזער ענטפער צו איש שלום.

ר. מ. — ניין, עס איז גארניט דרוקבאר. נאטירליך, לויט אונזער מיינונג.

מעמבער פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — מיר ראטען אייך גאנץ ערנסט ארייצוגעהן צו א דאקטאר. די נארישקייטען אין אייער בריף זיינען ניט געוועהנליכע, נאר ווילדע. אייערע מאדנע פארדאכטען מיט דעם דיסטריקט שמארני מאכען אונז ניט צווייפלען אויף א מאמענט, אז אייער גייסט איז שטארק צושטערט. געהט ארייז אין יוניאן העלטה-צענטער, 131 איסט 17טע סטריט. כאטש דער קליניק איז ניט פאר גייסטיגע קראנקהייטען, וועלען די דאקטוירים פון דארט אייך ראטען צו וועלכען גוטען דאקטאר זיך צו ווענדען. מיר מיינען עס גאנץ ערנסט. ווארום עס קען דאך ניט זיין, אז א מאן ביי זיין פולען פארשטאנד זאל קענען אויף א מינוט גלויבען, אז שלעזינגער זאל קענען אויספיהרען, אז אלע ליידיג-געהער זאלען האבען ארבייט, נור ער וויל ניט ער פוילט זיך. הערט זיך איין, מעמבער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, קיין מענש איז ניט פאלקאם. און שלעזינגער, ווי אלע אנדערע מענשען, האט זיינע חסרונות, אבער קיינער, קיינער, זיין ביטערסטער שונא, וועט ניט זאגען, אז ער פוילט זיך, אז ער האט מורא פאר ארבייט. ארבייט — דאס איז זיין לעבען. אויך וועט קיינער ניט באהויפטען, אז שלעזינגער וואלט ניט געוואלט, אז וואס מעהר קלאוקמאכער זאלען ארבייטען. דאס וואלט דאך פאר איהם געווען דער גרעסטער קרעדיט. און אז ער טוט ניט, איז ניט, ווייל ער וויל ניט, נור ווייל ער טרייט ניט, נור ווייל ער ק ע ן נ י ט. איהר פארשטעהט? און אלע אייערע ווערטער מיט די צוגעשיקטע קארטלאך זיינען גארניט געגען אט די אייגענע לאגיק.

די באסעס און די יוניאן.

זעהר געעהרטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

מיר בעטען אייך זעהר צו פארעפענטליכען דיזען אפיעל אין אונזער וועכענטליכען ארגאן אזוי שנעל ווי מעגליך.

אונזערע בעלי בתים האבען זיך פארמאסטען צוצוברעכען אונזער לאקאל און זיי שטעלען זיך ניט אפ פאר קיין זאך. איין מאל פאר אלע מאל ווילען זיי צוברעכען דעם לאקאל וועלכער האט אונז געקאסט אזוי פיעל מיה אויפצובויען. און אויב עס איז אייך באקאנט, שטעהען מיר יעצט גאנץ פעסט ארגאניזירט און מיר זיינען כמעט ווי זיכער אז דא וועלען זיי קיין סקעבס ניט באקומען. זוכען זיי אבער אין מאנטרעאל און וואו זיי קאנען נאר. אונזערע לידערס האבען זיי אין גאנצען ענטזאגט.

איך שיק אייך דא א ליבע בריוועל פון מיין בעל הבית. אזעלכע בריוולאך האבען אלע ארבייטער ערהאלטען. אבער אביסעל שפעטער האט ער מיר ערקלעהרט, אז ער וויל מיך שוין אין גאנצען ניט. דערפאר, זאגט ער, ווייל איך בין א רוויטער, — אבוואהל אין גרונט גענומען בין איך גאר שווארץ חנ'עוודיג.

אלזא, איך האף איהר וועט פארעפענטליכען דיזען אפיעל אזוי שנעל ווי מעגליך אום ניט צו געבען קיין געלעגענהייט אונזערע בעל הבתים אם ווייניגסטענס אראפצוברענגען אהער אין דער פראווינץ יוניאן לייט.

ג. ליפשיץ,
רויצענדער לאקאל 86, א. ל. ג. וו. י.

זאל מען קאנטראלירען די שאפסעס פון קאנט־ראקטארלעך!

ווערטהער רעדאקטאר: —

לייענענדיג אלע מאל אין דער „גערעכטיגקייט" פארשיידענע טרייד פראבלעמען פון אונזערע באמטע, שטעלט זיך מיר די פראגע, פארוואס שרייבען ניט אמאל אונזערע פשוט'ע סאלדאטען זייער מיינונג? איך גלויב, אז עס איז זעהר וויכטיג צו הערען, ביי דער יעצטיגער צייט פארשיידענע מיינונגען און ארומריידען טרייד פראגען.

הערשט דען א צופרידענהייט ביי אלעמען? ארבייטען אלע? קריגט מען די סקייל?

איך בין מיט דער מיינונג, אז ווי שטארק אונזער ארגאניזאציאן זאל ניט זיין, זיינען דא ביי אונז פראבלעמען, וועלכע פאדערען, אז מען זאל זיי אפט גאנץ גענוי באטראכטען און ניט אלע קאנען זיין מיט איין מיינונג.

יעצט איז ניט די צייט צו ריידען וואס ס'איז געווען, יעצט איז ניט די פראגע וואס דארף געטאן ווערען אין דער צוקונפט. אונזערע באלעבאטים האבען אפגעבראכען דעם אגרימענט און מיר מוזען יעצט זיין מעהר ווי אלע מאל גרייט, דען מיר וועלען געטריבען ווערען צום קאמף, און אפשר גאר איינגיכען און מיר וועלען ווייטער דארפען צייגען אונזער מאכט!

די באסעס האבען אנגעפאנגען באצייטענס זייערע טריקס: ווען דער ארבייטער קריגט שוין דעם דזשאב און ארבייט אפ א וואך, זאגט מען איהם — 50 דאל. מעג ער האבען די ווערדע 75 דאלאר און ער איז געצוואונגען צו ארבייטען פאר דעם פרייז, ווארים עס נעמט צייט ביז מען קען קריגען אן אנדער דזשאב. זעהענדיג אז דאס געלינגט די באסעס, טרייבען זיי ארויסנעמען נייע ארבייטער און פטור ווערען פון די אלטע, ווייל די אלטע האבען שוין זייער פרייז אויסגעקעמפט און מוזען דאס קריגען, און טאמער געלינגט זיי ניט דער טריק, ווערען זיי גאר „דזשאבבערס" און דאן ווערען די ארבייטער צושפרייט איבער קליינע שעפקעלאך און „קארפארייישאנס". מען ארבייט טאג און נאכט! זעלבסטפארשטענדליך, אז ארבייטענדיג אזעלכע לאנגע שטונדען פארדינען זיי געלד און מאכען א שוויינ... עס איז דא פיל פון אזעלכע שעפער, און די יוניאן האט ניט קיין קאנטראל אויף זיי. ביז וואנען אונזערע באמטע נעמען זיך צו די שעפקעלאך, קענען זיי זיך שוין שטעלען אנטקעגען, ווייל זיי ווערען שוין איינגעווארצעלט.

איך וויל דא ניט קריטיקירען אונזערע באמטע, אבער זייער פליכט איז ניט נור צו קאנטראלירען די גענצעלטע גרויסע, גוטע יוניאן שעפער, נאר זאלען זיי זיך בעסער אפגעבען מיט קאנטראלירען די קליינע שעפקעלאך, דאס מען זאל דארטען קריגען דעם פרייז ווי אין די פאר גרויסע שעפער און ארבייטען דיזעלבע שטונדען, און לאזט זיי זיך ניט איינוואָרצלען גלייך פון אנפאנג. דאן וועט דעם גרויסען באס ניט לוינען ארויסצוגעבען די ארבייט, און דער ארבייטער וועט ניט דארפען מורא האבען טאמער גיט זיך זיין פלאץ אויף און וועט ניט דארפען ארבייטען אין שמוציגע רומעס, וועלכע באגראבען און רואינירען דעם טרייד.

איך האף ה' רעדאקטאר, דאס איהר וועט דיזען בריף דרוקען אין דער „גערעכטיגקייט" און איהר וועט עפענען די קאלומס פון דער צייטונג פאר אלעמען, וואס ווילען שרייבען צום וואהל און בעסטען פון דער יוניאן און פון די ארבייטער.

מיט ברודערליכער גרוס,
איזידאר פריעד,
מעמבער לאק. 17

היינט פאר'ן שלאף
נעהמט אן
עקס-לאקס!
און איהר וועט אין דער פריה פיהלען ווי ניי-געבוירען.

...ייטער און דאס פובליקום.

(שלום פון זייט 11)

...אין קיובא און אין די פילי־
...ן אויך אין דער סאוטה געאר־
...טער דער ברענענדער זון פאר דעם
...מיזעראבעלען לוין און די זעלבע
...טונדען ווי פאר דער מלחמה.
...ר אין די בעסערע באצאהלטע
...ריען, אזוי ווי אין דער קליידער
...ריע, איז דער פרייז פאר א בגד
...ן ניט בערך לויט ווי ווײדזשעס
...העכערט געווארען; די וואל און
...אינדוסטריען האבען אין די לעצ־
...יבע יאהר געמאכט צעהנדליגע
...ן מעהר ווי פאר דער מלחמה אב־
...ר האבען פארהעכערט די שכירות
...ע ארבייטער נאר א קלייניגקייט.
...ן ווירקליך דא נאך הונדערטע
...לע וואס איבערצייגען דאס די הע־

כערונגען אין ווײדזשעס האבען גאר ניט אזא דירעקטען איינפלוס אויף די פרייז העכערונגען פון ארטיקלען און מאטעריאלען ווי אונזער ליבע פרעסע אין די פארשידענע טשיימבערס אף קאמערס ווילען אונז איינריידען. זאלען די ארבייטער ניט דערלאזען, ד... פיטאל אריינצוברענגען מיי... טונגען אין זייערע רייהען. פעסטע ארגאניזאציאנען, א פאראייניגטער גייסט און א שטענדיגע בארייטוואמקייט צו העלפען איינער דעם צווייטען, וועט מיט דער צייט מאכען צו גאר נישט די אלע צושטערענדע פלענער פון די ארבייטער פיינדע און וועט שאפען פאר די ארבייטער די מעגליכקייט צו געניסען די פרוכטען פון זייער ארבייט אין א פולער און גערעכטער מאס.

וואו מען קאן באקומען די „גערעכטיגקייט"

די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל באקומען די „גערעכטיגקייט" דורך פאסט. די וואס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל און ווילען לייענען די „גערעכטיגקייט" ווערלען פון די וואך אן קאנען באקומען צו קויפען די ציימונג אויף די פאלגענדע סטענדס:

אין די בראנקס:

ביי סעם באך, נעבען דזשעקסאן עוועניו פון די סאבוויי סטיישאן.
ביי ס. גינזבורג, נעבען אינטערוויל עוועניו סאבוויי סטיישאן.
דזש. מיכעלסאן, נעבען פרימאן סטריט סאבוויי סטיישאן.

אין הארלעם:

דזשאזעף באגנער, מעדיסאן עוועניו און 111טע סטריט.
ס. אייזעריק, 1626 מעדיסאן עוועניו, קארנער 100טע סטריט.
א. מילעפסקי, מעדיסאן עוועניו, קארנער 106טע סטריט.

אויף דער איסט סייד:

לואיס שפער, נארד־איסט קארנער דעלענסי און עסעקס סטריט.
מ. זווירין, דעלענסי און קלינטאן סטריט.
פיליפ בערקסאן, קאנעל סטריט, קארנער ראטגער סטריט.

אין ברוקלין:

לעא גאלדשטיין, האוועמייער און נארטה 4טע סטריט.

אין בראנזוויל:

היימאן קאלעטצקי, סטאון און פיטקין עוועניוס.
ה. מאגעלעפסקי, דאוגלאס סטריט און פיטקין עוועניו.

...ע ווערק פון ...שלום־עליכם

...ע אויסגאבע פון אלע שלום־
...ס שאפונגען, ערשיינט סעריעס־
...יעדעס האלב יאר 4 בענדער.

...העד זיינען ערשינען, די
...טע פינף סעריעס, 20
...ער. די זעקסטע סעריע
...ין דרוק און וועט ערשיי־
...אין מאי, 1921.

...ינען פארהאן צוויי אויסגא־
...א פאלקס־אויסגאבע און א
... פראכט אויסגאבע.

...ען זיך איינשאפען די גאנצע
...בע — 24 בענדער — מיט
...אדער איינציגע סעריעסווייז צו
...דער. די ביכער קענען גלייך
...עשיקט ווערען.

...ייבט אדער טעלעפאנירט און
...לען צו אייך שיקען א פארטרע־
...אס וועט אייך געבען אלע איינ־
...טען, איהר פארפליכטעט זיך
...עם גאר נים.

Sholom Aleichem Fu...
31 Union Sq., New ...
Tel. Stuyvesant 4479.

...ס נייע אידישע ...טעאטער

...טע סט. און מעדיסאן ע.ו.

...רעסטער שוישפילער אין דער
גרעסטער ראלע.

...לדקרויט ...ן שיילאק!

...רשטאג, 3טען פעברואר
... געשפילט ווערען שעקספיר'ס

...ר קויפמאן פון ווענעדיג

...רודאלף שילדקרויט
אלס שיילאק

...יקעטס צו באקומען אין „פאר־
...ס", אין רענד סקול, 7 א. 15טע
...אין „קונדס"; אין בראנזוויל
...ר לייסעאום, אין סטרונסקי'ס
... 2טע עוועניו און 13טע סט.,
...אמינ'ס בוך־האנדלונג, אין מיי־
... בוך־סטאר, אין סטוירן'ס דזשר־
...סטאר און אין עפשטיין'ס דראג־
...סטאר.

...פט אויסשליסליך
...ייט לילי סהעע
...אלאסביא סהעע
...והעפסטאסשני סשאי

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

אפיס: 100 וועסט 21טע סט. טעלעפאן 8427 וואטקינס

דער ערשטער פון אונזערע

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, 24טען יאנואר, 8 אוהר אווענד

אין די פאלגענדע פלעצער:

דאון טאון — „פארווערטס", בילדינג, 175 איסט בראדוויי.
הארלעם — 62 איסט 106טע סטריט.
בראנקס — לאנדאן קאסינא, 385 3טע עוו., ניער קלערמאנט פארקוויי.
בראנזוויל — לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.

די סעקשאנס זיינען איינגעפיהרט געווארען פאר דער באקוועמליכקייט פון די מעמבערס. זעהט צו מאכען זיי פאר אן ערפאלג.

די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1

נ. ב. אונזער אפיס האט געמופט נאך 100 וועסט 21טע סטריט.

שיקאגא! שיקאגא!

אלע מעמבערס פון לאקאל 100, 81, 54, 18 און 5
וועלען זיך טרעפען און פארברענגען

ביי דעם דריטען יעהרליכען באלל

נעגעבען פון

לאקאל 100 דרעס און סקוירט מאכער יוניאן

א. ל. ג. וו. י.

שבת אווענד, 12טען פעברואר

(לינקאלן'ס געבורטס־טאג)

אין גרויסען אשלאנד אודיטאריום,
אשלאנד און וואן ביורען סטס.

איינטריט 35 סענט.

טיקעטס צו באקומען ביי אלע מעמבערס און אין אפיס פון דער יוניאן,
29 נ. וועלל'ס. טירען אפען 8 אוהר פינקטליך.

לאקאל 100 באלל קאמיטע,
אייב בערטשאק, טשערמאן.

אירווינג פלייס טעאטער

מאריס שווארץ, דירעקטאר, מאקס ר. ווילנער, דזש. מענ., הערמאן פייער, ביז. מענ.
Tel. Stuyvesant 1350

גרויסער קינסטלערישער ערפאלג!

פרייטאג אווענט, שבת און זונטאג מאטינע און אווענט

מאריס שווארץ

אין

מאקסים גארקי'ס

גרויסע ווערק

מיעשטשאניע

(מיטעלקלאס מענשען)

ניי איבערזעצט פון מארק שוויד.

מאריס שווארץ אלס טיעטעראוו צוזאמען מיט דזשעני וואליער, בערטא גערסטין, מישא און לוסי נערמאן, א. טייטעלבוים, י. רובינסקי, מ. סאמוילאף, מאד. פערקויף, ה' פערקויף, מאד. ליאנסקי און מוני ווייזענפריינד

געבילס טעאטער

235 באוערי, טעל. ארטשארד 4845.
מאקס געביל, דירעקטאר. הערי גאטי, מענ.

מאקס געביל'ס

א נייע דראמע אין געביל'ס טעאטער!
פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטינע און אווענד
צום ערשטען מאל

דזשעני גאלדשטיין

אין מאקס געביל'ס נייעסטע דראמא

קינדער יאהרען

דראמא אין 4 אקטען פון מאקס געביל
(פריי נאך איבסען).

דזשעני גאלדשטיין אין דער גרויסער קונסטלעראלע אלס עלא, א סקול מיידעל. צוזאמען מיט ה' ראטשטיין, מאד. שנייער, האכשטיין, פרענסים סינקאף, מאד. גראפער, ה' מאני, ה' שווייד און וויליאם עפשטיין, ווי אויך ה' אייב סינקאף.

דער צווייטער טערמין

פון די

ראנד סקול פאר סא־ציאלע וויסענשאפטען

וועט זיך אנפאנגען

דעם 4טען פעברואר

און וועט אנטהאלטען

א נייעם „פארט־טיים קלאס"

און קלאסען איבער דער

קאאפעראטיווער באוועגונג.

א פלאן פאר פראקטישען און טעארעטישען לערנען פאר ארבייטער.

באקומט מעהר דיטאילען אין

7 איסט 15טען סט., נ. י.

י. קראוז

בעדזשעס און ב...
זאר יוניאנס, סאסייעטיס ... פ. ט.
סטריקטלי יוניאן א...
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

דיעזען זונטאג נאכמיטאג

זיי וועלען דעבאטירען
דעם זונטאג, 30טען יאנואר,
2 אוהר נאכמיטאג
אין קופער יוניאן

האנ. מאיר לאנדאן
קאנגרעסמאן זאגט יא

„פארערט דער צוקינפטיגער וואוילזיין פון די פאראייניגטע שטאטען א פרייע און אומבאשרענקטע אימיגראציע?

האנ. ווס. נ. וועיל
קאנגרעסמאן זאגט ניין

איינטריט 50 סענט.
רעזערווירטע פלעצער $1.00.
טיקעטס צום פארקויף: אין רענד סקול, 7 איסט 15טע סט.; אין „פארווערטס" אפיס, אין 6טען אסעמבלי דיסטריקט, 106 עוו. סי.

דרעס מייקערס אין ניו יארק גרייטען זיך צו א גענעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1)

קיין נארישקייט צו באגעגענען דעם אר־ביטער אויפ'ן האלבען וועג, און נאכגע־בען זיינע גערעכטע פארערונגען.

אלזא, פאר די גרעסטע צאהל דרעס־מאכער וועט דאס פארלאזען פון די שע־פער ניט מיינען קיין סטרייק. זיי וועלען באלד זיך צוריקקעהרען צו דער ארבייט מיט דעם באוואוסטזיין, אז פאר זיי האט גוטע אמת'ע יוניאן־באדינגונגען אויס־געקעמפט זייער יוניאן אויפ'ן שטילען וועג, אויפ'ן וועג פון פרידליכען, מענש־ליכען קאנפערירען מיט זייערע בעלי־בתים, מיט דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן. וואס אנבאטרעפט אבער די אנ־דערע, זיי וועלען בלייבען אוועק פון שאפ ביז דורך זייער סטרייק וועלען זייערע באסעס זיין געצוואונגען אונטערצושריי־בען דעם זעלבען אגרימענט, וועלכען עס האבען אויף א קלוגען אופן, אהן קאמף און אהן דעם גרויסען פרייז, וואס יעדער קאמף קאסט, אונטערגעשריבען אלע מא־נופעקטשורערס, וואס געהערען צו דער דרעס אסס'ן.

עס איז א שווערע אונטערנעהמונג צו זאגען נביאות, ווי לאנג דער קאמף וועט אנהאלטען. מעגליך בלויז איינינע טעג, מעגליך לענגער. אבער וויפיל ער וועט אנהאלטען, זיינען מיר זיכער, אז אונזע־רע קעמפער וועלען ארויסווייזען דעם זעל־בען גייסט, ווי זיי האבען עס ארויסגע־וויזען אין די פריהעריגע יאהרען, אין דעם גרויסען קאמף פון 1919, און אין אלע פריהעריגע קעמפע.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז אין דעם קאמף האבען זיי די פולסטע סימ־פאטיע פון אונזער גאנצער אינטערנע־שאנאל, פון אלע אונזערע גרויסע מעכ־טיגע יוניאנס און פון דער גאנצער ציל־באוואוסטער אידישער און ניט אידישער ארבייטער־באוועגונג.

צום קאמף, ברידער און שוועסטער! יענע באסעס, וועלכע מיינען, אז עס איז איצט זייער צייט, מוז און וועט געגעבען ווערען א גוטער לעסאן, אז דאס, וואס זיי מיינען און טראכטען איז א נארישער און פוסטער חלום. אייער איינינקייט, אייער אמת'ע סאלידאריטעט מוז און וועט אייך מאכען אונבאזיגבאר אין אייע־רע גערעכטע פארערונגען וואס איהר שטעלט ארויס.

וואס אנבאטרעפט די פיהרונג פון דעם סטרייק, קען זי גאר ניט זיין אין בעסערע הענד. אן דער שפיצע פון דער פיהרערשאפט איז דער פיהרער־וועטע־ראן מאריס זיגמאן. קיין זאך איז ניט איבערגעלאזען געווארען ניט פארבארייי־טעט. אלעס, וואס איז נויטיג פאר דער ערפאלגרייכער פיהרונג פון קאמף, איז שוין פארבארייטעט געווארען פון דעם דזשאינט באארד. יע, די פיהרערשאפט האט געטאן און וועט טאן איהר פליכט פול און גאנץ. דאס ווייטערע — דאס מוז געטאן ווערען פון די סטרייקער גופא. מיר צווייפלען ניט, אז זיי וועלען, ווי אימער, ארויסווייזען זיך אלס גוטע, טיכ־טיגע סטרייקער און סטרייקערינס.

קלאוקמאכער, אויף דער וואך!

(שלוס פון זייט 1).

שלאג־ווערטער געווארען אין דער לעצטער צייט א שטיקעל מגפה, אבער אונזער אינ־טערנעשאנאל האט עס נאך פארכאפט אין צייט. צוערשט פרעזידענט שלעזינגער, נאכהער וויים־פרעזידענט לעפקאוויטש האבען אויסגעפיהרט, אז דער סיסטעם פון וואך־ארבייט מיט אלע אנדערע יו־ניאן קאנדישאנס זאלען אפגעהיט ווערען.

אבער צוויי מאנופעקטשורער, איינער אין סינסינעטי און דער צווייטער אין טאלידא האבען זיך פאר'עקשנ'ט און ניט געוואלט נאכגעבען די פארערונגען פון דער יוניאן.

דער רעזולטאט איז, אז די ארבייטער אין די ביידע שעפער זיינען אין סטרייק. די מאנופעקטשורער, אלס ענטפער, הא־בען זייערע שעפער אין גאנצען געשלאסען מיט דער ערקלעהרונג, אז זיי קאנען די ארבייט זייערע מאכען ביליגער אין ניו יארק. פארשטעהט זיך, אז דאס איז ניט אמת. זיי קענען זייער ארבייט ניט הא־בען געמאכט ביליגער אין ניו יארק, זי וועט זיי קאסטען דאפעלט. אבער ווי־באלד עס האנדעלט זיך אום צוברעכען די יוניאן, שפילט געלד קיין ראליע נים.

די דאזיגע צוויי מאנופעקטשורער הא־בען אבער א טעות, זייער ארבייט וועט אין ניו יארק ניט געמאכט ווערען. די אינטערנעשאנאל און דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק זיינען פעסט ענטשלאסען ניט צו דערלאזען דער־צו. עס איז באשטימט געווארען א ספע־ציעלע קאמיטע, וועלכע זאל אויפפאסען, אז די ארבייט פון דיזע פירמען זאל אין ניו יארק ניט געמאכט ווערען. און ווען די קאמיטע וועט אויסגעפינען דעם פלאץ אדער די פלעצער וואו די ארבייט ווערט געמאכט, וועט זיכער דארט ארויסגערופען ווערען א סטרייק.

די נעמען פון דיזע פירמען זיינען: בישאף, שטערן און שטיין פון סינסינעטי, און קאהן מאר־טין און פרידלענדער, פון טאלידא.

קלאוקמאכער פון ניו יארק, פאסט אויף, אז די ארבייט פון דיזען פירמען זאל ניט געמאכט ווערען אין די ניו יאר־קער שעפער. ביי דעם ערשטען פארדאכט איז עס אייער פליכט צו לאזען וויסען וועגען דעם דעם אפיס פון דעם דזשוינט באארד.

ארטור גליזאן

„איינער פון די געלערנסטע מענער אין דער ארבייטער באוועגונג פון ענגלאנד" — ניו יארק קאלל.

וועט אנפאנגען א קורס פון לעקטשורס איבער

„די בריטישע ארבייטער באוועגונג"

שבת, דעם 29טען יאנואר, 1:30 נאכמיטאג

אין רענד סקול סאשיעל סייענס

7 איסט 15טע סטרים.

אמאלגאמייטעד קלאדינג סיסטעם
א קאאפעראטיווע אונטערנעמונג

געפיהרט פון די
קליידער ארבייטער אין ניו יארק
קויפט דירעקט פון די ארבייטער!
העלפט באקעמפען דעם „אפען שאפ"!
סוטס און אווערקאוטס
פארטיגע און צו ארדער פון די בעסטע וואלענע וואארעס
$32 TO $50
דער קאאפעראטיווער פלאן שאפט אפ ניט־נויטיגע אויסגאבען און פראפיטען.

אמאלגאמייטעד קלאדינג סיסטעם
827 בראדוויי, צווייטער פלאר

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדיענען!
הונדערטע לייטע האבען שוין אויס־געלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פערדיענען די פיעל געלד.
נעהמט איצט א קורס
— אין די —
מיטשעל סקול
אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באל־דיגע פאזישאן און גרויסע גע־האלט.
די מיטשעל סקול און גארמענט דעזייניננ, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מים דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען.
פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אבענר קלאסען.
גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.
אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK
Phone, Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

לײדיס טיילארס און סעמפעל מייקערס יוניאן לאקאל 3

וויכטיגע באקאנטמאכונג

אלע מעמבערס פון פאראייניגטען לאקאל 3 (געוועזענע לאקאל 3 און 80) זיינען געבעטען צו נעהמען אין אכט אז די אפיסעס פון 9 וועסט 21טע סט. און 725 לעקסינגטאן עוו.

האבען געמופט אין איין אפיס, 12 וו. 29טע סט.

אלע מעמבערס זיינען דארום אויפגעפאדערט צו ברענגען זייערע קאמפליינטס, ווי אויך צאהלען זייערע דיוס אין דעם נייעם אפיס.

די שטיק־שניידער און סעמפעל מאכער וועלען האבען א מיטינג שבת ביינאג, אין סטייוועסענט קאסינא, 2טע עוועניו און 8טע סטרים. זאלען אלע מיטגלידער קומען צום מיטינג!

ביי ארדער עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב כ"ז, ו). — אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

...רבייטער פון אלע ...לענדער, פאראייניגט ...ינט אייך, און די ...עלט האט איהר צו ... אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III, No. 6. New York, Friday, Feb. 4, 1921. פרייטאג, דעם 4טען פעברואר. PRICE 3 CE...

...לעס צוגעגרייט פאר'ן דזשענעראל סטרייק פון די דרעס און וויסט מייקערס

אלעס, וואס פעהלט נאר, איז דער לאנג ערווארטעטער און פון אלע דרעס־ און וויסט מייקערס פיל געגארטער און היים־געוואונשטער דזשענעראל סטרייק, זאל ענדליך קומען, איז בלויז דער רוף, דער סיגנאל פון דער יוניאן.

אלעס אנדערע, וואס איז נויטיג, אום צו מאכען דעם סטרייק פאר אן ערפאלג, און פאר א שנעלען ערפאלג, איז שוין פיקס און פארטיג. עס זיינען שוין פארבארייטעט אלע נויטיגע קאמיטעס, אין וועמעס הענד עס איז איבערגעגעבען די ריכטיגע פיהרונג פון דעם סטרייק, אזוי אז אלעס זאל צוגעהן מיט א טאקט און אן ארדנונג. עס זיינען שוין פארבארייטעט די האלס, וואו די סטרייקער און סטרייקערינס זאלען צוזאמענקומען גלייך נאך דעם, ווי זיי וועלען פארלאזען די שעפער, און פאר אזוי לאנג ווי דער סטרייק וועט אנהאלטען.

דער אלגעמיינער געפיהל סיי פון דער פיהרערשאפט און סיי פון דער גרויסער מעמבערשיפ איז א געהויבענער. מיר וועלען ניט איבערטרייבען, ווען מיר וועלען זאגען, אז דער געפיהל איז אן ענטוזיאסטישער. און דאס איז דאך גאנץ זעלבסטפארשטענדליך. דער גרעסטער טייל פון די סטרייקער וויסען דאך, אז פאר זיי איז דער סטרייק בלויז א פראגע פון נאר עטליכע טעג, און זיי וועלען צוריק־גיין אויף זייערע פלעצער אין אמת'ע יוניאן־שעפער, און וועלען ארבייטען אויף די בעסט־מעגליכע יוניאן־באדינגונגען.

וואס אנבאלאנגט דעם טייל ארבייטער און ארבייטערינס, וועלכע האבען ביז איצט געארבייט אין ניט יוניאן שעפער, די רייסען זיך דאך שוין לאנג צום קאמף. און איצט, אז די שטונדע האט אויך פאר זיי געשלאגען, פאר זייער מעגליכקייט צו קענען ארבייטען ווי מענשען, ווי יוניאן־לייט, די וועלען דאך געוויס מיט שמחה, מיט באגייסטערונג פאלגען דעם רוף פון דער יוניאן צום קאמף.

דאס אלעס זיינען מיר זיך ניט בלויז משער. מיר ו י י ס ע ן אז עס איז

(שלוס אויף זייט 2).

...ע אויפלעבונג צווי... ...ן די טשילדרען דרעס מייקערס

...ט א צייט צוריק האבען מיר גע־ ...ט, אז די טשילדרען דרעס־מאנו־ ...שורערס אסס'ן האט אפגעבראכען ... אגרימענט מיט דער טשילדרען ... מייקערס יוניאן לאקאל 58. די ... האט צו יענער צייט גארניט אונ־ ...מען געגען די מאנופעקטשורערס, ...י צייט איז דאן געווען זעהר א בי־ ... דער סלעק אין די שעפער איז גע־ ...לגעמיין, און וואס די יוניאן וואלט ...נמאן, וואלט ניט געווען פון קיין ...

...רוויל האט אויך די אסס'ן פון די ...קטשורערס, וועניגסטענס אזוי איז ...דעט געווארען, זיך אויפגעלעזט; ...יגליך האבען די באסעס געגלויבט, ... זיינען שוין אין גאנצען פארטיג ...ר יוניאן און אז זי וועט שוין קיינ־ ...עהר ניט טראבלען זיי.

...ער די יוניאן האט זיך גראדע ניט ...ליזט. זי האט פארטגעזעצט צו ... כאטש א רוהיגען, שטילען לעבען, ...וווארט אויף דעם גינסטיגען מא־ ...

... דער גינסטיגער מאמענט איז גע־ ... עס האט זיך אנגעהויבען ווייזען ... אין די שעפער און די יוניאן איז ...יחר פאסטען. זי האט ניט איצט ... מיט דער אסס'ן, ווייל אזעלכע ...טא, אבער די יוניאן פאסט גוט ...ן די באדינגונגען אונטער וועלכע ... מעמבערס ארבייטען, זאלען זיין ...וניאן־באדינגונגען. יעדען טאג ... די יוניאן אינדיווידועלע אגרי־ ... מיט די באסעס, און די אגרי־ ...האלטען זיך אין איין מעהרען.

...צור, די טשילדרען דרעס מייקערס ... האט איצט גאר אויף דאס ניי ...לעבט און טוט איהר טיכטיגע אר־ ...אר איהרע מעמבערס, ווי א יוניאן ...ס טאן.

... מוסר השכל פון דער געשיכטע ...„נעווער גיוו אפ", ווערט קיינמאל ...רצווייפעלט אונטער די ערנסטע ...ענדען. די צייט מוז ברענגען אן ...ג, און יעדע אמת־לעבעדיגע אר־ ...יאן באנוצט זיך מיט דער ענדע־ ...ן טוט ווידער איהר ארבייט, ווי...

קלאוקמאכער סטרייק אין סינסינעטי אין פולען גאנג

די קלאוק פירמע בישאף, שטערן און שטיין וועט באלד דערפיהלען, אז זי האט געמאכט א טעות אין חשבון, מיינענדיג, אז עס וועט זיך איהר איינגעבען איהר חכמה צו־לאזען הונדערטע פאמיליען אהן א שטיקעל ברויט און מאכען איהר ארבייט אין ניו יארק, ביז די ארבייטער, אויסגעהונגערטע און דערשלאגענע, וועלען קומען זיך בעטען צו ארבייטען אויף די באדינגונגען פון די באסעס.

די אינטערנעשאנאל האט ערקלעהרט א קאמף דער פירמע, און דער קאמף ווערט אנגעפיהרט מיט דער גאנצער ענערגיע, וואס די אינטערנעשאנאל פארמאגט.

דער קאמף ווערט געפיהרט אויף ביידע פראנטען, סיי אין סינסינעטי און סיי אין ניו יארק. אין סינסינעטי טוען די ארבייטער אלעס וואס זיי קענען און זעהען, אז די עפענטליכע מיינונג זאל זיין גוט אינפארמירט איבער דער האנדלונג פון דיזע קלאוק־מאנופעקטשורערס. און די אינטערנעשאנאל האט באשלאסען צו געבען, און גלייך, די ארבייטער די גאנצע נויטיגע הילף, און זי וועט עס אנהאלטען אזוי לאנג, ווי די הילף וועט זיין נויטיג.

וואס אנבאטרעפט ניו יארק, איז די טעג געקומען פון סינסינעטי נאך ניו יארק איינער פון די ארבייטער פון דער פירמע, ברידער גוטערמאן, וועלכער ווייס זעהר גוט, וואס פאר א סארט ארבייט די פירמע מאכט, און ער, אין פארבינדונג מיט א קאמיטע פון אונזער דזשאינט באארד, וועלען טאן אלעס אין זייערע כחות אויסצוגעפינען, וואו די ארבייט ווערט געמאכט, און אויף אזא אופן מאכען א גראבען שטריך איבער דעם חשבון פון דער פירמע.

אן אייגענע היים פאר דער אינטערנעשאנאל

די וואך האט די אינטערנעשאנאל „גענומען טייטעל" אויף דער הויז, 3 וו. 16טע סטריט, וועלכע וועט גאר אין גיכען פארוואנדעלט ווערען אין דער היים פון דער אינטערנעשאנאל, און וואו עס וועט באלד קאכען, ווי אין א ביהנשטאק מיט דער פילפאכער טעטיגקייט פון אונזער גרויסער מעכטיגער יוניאן.

מיר האבען שוין מיט א צייט פריהער וועגען דעם געמעלדעט. מיר האבען דאן א ביסעלע געשילדערט דעם פלאץ, וועלכער איז ווירקליך אן אידעאלער פלאץ פאר דער היים פון אונזער אינטערנעשאנאל. אבער דאן איז דאס הויז, 3 וועסט 16טע סטריט, נאך ניט געווען אונזערס. עס איז בלויז געגעבען געווארען א געלד־דעפאזיט, אז מיר קענען קויפען דאס הויז. די וואך איז אונזער אינטערנעשאנאל געווארען די געזעצליכע אייגענטימערין פון דעם הויז.

וואס פאר א נאמען אונזער היים וועט קריגען ווייסען מיר נאך ניט. אייניגע שלאגען פאר, אז דאס זאל הייסען „דהי אינטערנעשאנאל סענטער", אנדערע ווילען, אז עס זאל הייסען „דהי האום אפיס אוו „דהי אינטערנעשאנאל", און ווידער אנדערע ווילען אז עס זאל הייסען קורץ „דהי האום אוו דהי אינטערנעשאנאל". אבער דער נאמען דאס איז די קלענסטע דאגה. דער ריכטיגער נאמען וועט שוין געפונען ווערען. די הויפטזאך איז איצט, אז מען וועט זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט פון איבערבויאונג, אזוי אז די אינטערנעשאנאל זאל קענען וואס גיכער זיך איבערקלייבען אין איהר אייגענער היים און האבען אלעס אזוי באקוועם און גוט, ווי זי האט עס נאך ביז איצט קיינמאל ניט געהאט.

מיר וועלען פון צייט צו צייט באריכטען אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען דעם פראגרעס פון אונזער גרויסער אונטערנעהמונג, ווייל מיר זיינען זיכער, אז אונזער גרויסע מעמבערשיפ איז באמת פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון דיזער נייער און העכסט־נויטווענדיגער אונטערנעהמונג פון דער אינטערנעשאנאל. מיר ווייסען, אז יעדער איינער פון אונזער מעמבערשיפ וועט פיהלען זיך געהויבענער, שטאלצער דורך דעם באוואוסטזיין, אז די אינטערנעשאנאל האט איהר אייגענע היים.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 6.

זייט 2. די וואך. — מאקס דעניש.

זייט 3. באריכטען פון דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פון דער דרעס און וויסט־אינדוסטריע. — ל. לאנגער און מ. מאקאוו.

זייט 4. אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

זייט 5. סקווירט און דרעס־דיוויזשאן פון דער קלאוקמאכער יוניאן. אינדזשאנקשאנס געגען רייגקאוט־מייקערס יוניאן ארויסגעווארפען. באריכט פון עקז. ב. לאקאל 22.

זייט 6. די אינד. קלאוק און ריפער דיסטריקטס. — ד. גיסנעוויץ. לאקאל 82. — מ. י. אשפיז.

זייט 7. דארט, וואו די ציטרינען בליהען. — ליליען וואלאך. די אידישע וואנדערונג. — ל. גלאזער.

זייט 8. פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.

זייט 9. ניו יארק און אויסער ניו יארק. — ש. יאנאווסקי.

זייט 10. די דעבאטע וועגען האנדעל מיט רוסלאנד אין אמעריקאנער סענאט. — א. זעלדין. א קאך־בוך פאר ארבייטסלאזע (פעליעטאן). — דר. ק. לעא.

זייט 11. קען מען איצט ערווארטען אן אמת'ען קאמף אויף די אייזענבאהנען? — ה. לאנג. א חלום פון א פריהלינג פארנאכט (ליעד). — נפתלי גראס.

זייט 12. ווי הויך זיינען די לעבענסקאסטען פאר די ארבייטער? — א. טראכטענבערג.

זייט 13. ווי צו זיין געזונד? — דר. ב. דובאווסקי. קורצע שמועסען צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

זייט 14, 15 און 16. ...

...שענעראל סטרייק פון די קלאוקמא־ כער אין באסטאן

...ער מיר געהען צום פרעס האבען ...האלטען פון באסטאן פאלגענדע ...מע:

...דזשענעראל סטרייק פון אלע אר־ ...אין דער קלאוק און סוט אינדוס־ ...יז ערקלעהרט געווארען פון דעם ... באארד פון דער קלאוק און ...מייקערס יוניאן פון דער אינטער־ ... לײדיס גארמענט וואירקערס ...מיטוואך, דעם 2טען פעברואר.

... דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט ...זענד מענער און פרויען, וועלכע ...שעפטיגט אין דער קלאוק־אינ־ ... אין באסטאן.

... סטרייק איז דער רעזולטאט פון ...רעגע, וואס האט אנגעהאלטען ..., פון דעם דזשאינט באארד צו־ ... בעטרעפען שלעזינגער, פרעזידענט פון דער א. ל. ג. וו. י.

דער סטרייק איז אן ענטפער אויף דעם אפבראכען פון דעם אגרימענט מיט דער יוניאן פון דער זייט פון דער באסטאנער לײדיס גארמענט מאנופעקטשורערס אסס'ן, און אויך אלס א רעזולטאט פון דעם לאקאוט, וואס דיזעלבע אסס'ן האט געמאכט, ארויסשיקענדיג בריף צו זייערע ארבייטער, ערקלעהרענדיג, אז זיי וועלען מעהר מיט דער יוניאן נים פארהאנדלען.

פרעזידענט שלעזינגער האט פארשפראכען די פולסטע הילף פון דער אינטערנעשאנאל צו די סטרייקער אין זייער קאמף געגען די באסטאנער מאנופעקטשורערס, וועלכע ווילען נים אנדערש, ווי צוברעכען די יוניאן און איינפיהרען פארהעלטניסע אין דער קלאוק־אינדוסטריע, צו וועלכע קיין יוניאן־ארבייטער קען קיינמאל ניט צושטימען.

א. שניידער,
מענעדזשער דזשאינט באארד קל. און סקוירט מייקערס יוניאן."

אלא. די באסטאנער קלאוק־מאנופעקטשורערס האבען זיך ניט צוגעהערט צו דער שטימע פון פארשטאנד, צו דער שטימע פאר פרידליכער פארהאנדלונג. זיי האבען אויסערוועהלט דעם וועג פון קאמף. זיי זאלען עס האבען. די באסטאנער ארגאניזירטע קלאוקמאכער זיינען פארטיג צו קעמפען פאר זייערע רעכטע, פאר זייער יוניאן אזוי שטארק, אזוי ענערגיש, ווי זיי האבען עס ביז איצט געטאן, און קיינמאל, קיינמאל וועלען זיי דעם קאמף ניט אויפגעבען ביז דער זיג וועט זיין זייערער.

מיטינג פון לעהרער פערסאנאל פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גא־מענט ווארקערס יוניאן, אין דעם יוניאן העלטה סענטער — דעם 15טען יאנואר, 1921.

אײנע פון די וויכטיגסטע געשעהעניסען אין דער געשיכטע פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל איז פארגעקומען שבת נאכמיטאג אין דעם יוניאן העלטה סענטער. דאס איז געווען א פארזאמלונג פון אלע לעהרער, וואס זיינען פארבונדען מיט'ן דעפארטמענט, און פון פארשטעהער פון די סטודענטען אין די יוניטי סענטערס און אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט אלע מאל געהאלטען פון דעם פרינציפ, אז די טעטיגקייטען פון יעדער ארבייטער ארגאניזאציע דארפען אנגעפיהרט ווערען אויף א דעמאקראטישען אופן, און אין איינקלאנג מיט דער איבערצייגונג האט דער דעפארטמענט פארופען א געמיינשאפטליכען מיטינג פון די לעהרער און סטודענטען־פארשטעהער, כדי צו באהאנדלען און לייזען איינינע וויכטיגע פראגען אין פארבינדונג מיט דער טעטיגקייט פון דעם דעפארטמענט.

דער מיטינג פון דעם 15טען יאנואר האט באוויזען, אז דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז געווען גערעכט אין זיין איבערצייגונג, אז א דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון זיינע טעטיגקייטען קאן דורכגעפיהרט ווערען. צווישען די פארזאמלטע לעהרער פון די יוניטי סענטערס און פון דעם ארבייטער אוניווערזיטעט זיינען אויך געווען: דר. טשארלס א. ביערד, דר. לעא וואלמאן, דר. ד. קליין, גוסטאוו פ. שולץ, פ. דזש. מעלווין, מארגארעט דאניעלס, מיס עלען א קענאן, מיס גרייס סקריבנער, ספענסער מילער, הערמאן עפשטיין, א. ל. ווילבערט, ב. דזש. ר. סטאלפער, מאקס לעווין, און קאמישאנער טאמאס קוירטים.

די פאלגענדע סטודענטען פארשטעהער זיינען געווען אנוועזענד: ווערא קייזערמאן, סאראה שאפירא, לילי מעגדלין, סיליא אסטראוו, אנא גודאקאווסקי, ב. ענגעל, ס. ווארשניץ, ע. ווינער, און פ. ראטענבערג.

מיס פאניא קאהן און מר. אלעקסאנדער פישהענדלער האבען פארטראטען דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

מר. פישענדלער, דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, איז ערוועהלט געווארען אלס טשערמאן. אלע אנוועזענדע האבען אנטייל גענומען אין א גרינדליכער און ווערטפולער דיסקוסיע, יעדער איינער איבערגעבענדיג זיינע אייגענע ערפאהרונגען אויף'ן געביט פון ארבייטער־אויפקלערונג וואס ווער טאנגעפיהרט פון דער א. ל. ג. וו. י.

עס איז צום אלעם ערשטען באשלאסען געווארען, אז די לעהרער און פארטרעטער פון די סטודענטען זאלען פארבלייבען אלס א שטענדיגע קערפערשאפט, וואס זאל זיך צוזאמענקומען אם ווענינגסטען דריי מאל אין דעם משך פון דעם לעהר יאהר אום צו פארהאנדלען און ענטשיידען איבער לויפענדע אויסגאבען פון דעם דעפארטמענט. ס'איז אויך באשלאסען געווארען צו באשטימען אן עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער דאזיגער נייער ארגאניזאציע, און אז די קאמיטע זאל זיך צוזאמענקומען אפטער און ארבייטען צוזאמען מיט דעם אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

פיעל צייט איז אפגעגעבען געווארען צו באשפרעכען דעם לעהר פראגראם פון דעם עד. דעפ., און עס איז ענדליך באשלאסען געווארען, אז די עקזעקוטיווע זאל פארמולירען א לעהר־פראגראם און זי פארלייגען פאר'ן נעקסטען מיטינג פון דעם לעהר־פערסאנאל.

אויך איז ווארים דיסקוטירט געווארען די פראגע וועגען מעטאדען וואס די לעהרער באנוצען אין זייערע קלאסען. אין דער דאזיגער דיסקוסיע איז עס געווען באזונדערס אינטערעסאנט און ווערטפול צו הערען די מיינונגען פון די סטודענטען פארשטעהער, וועלכע האבען גאנץ אפענהערציג קריטיקירט געוויסע מעטאדען און רעקאמענדירט ענדערונגען. עס איז באשלאסען געווארען, אז די לעהרער אין די פארשידענע קלאסען זאלען באשטימען א געוויסע צייט פאר אונטעררעדונגען מיט די סטודענטען כדי צו געבען די לעצטע א מעגליכקייט אויסצודריקען זייערע מיינונגען און אנזיכטען איבער די גוטע און שלעכטע פאקטען פון די לעהרערס מעטאדען.

סיי די סטודענטען און סיי די לעהרער האבען אנערקענט די וויכטיגקייט פון מימיאגראפישע אנטליינס פון יעדען לעסאן. אלע האבען צוגעגעבען אז אזעלכע סומירונגען וועלען העלפען די סטודענטען צו גערעדקען און ארגאניזירען דעם מאטעריאל פון יעדען לעסאן.

עס איז אויך אונטערשטראכען געווארען די נויטווענדיגקייט פון באראטונג צווישען דעם לעהרער פון יעדען קלאס און דעם סטודענטס־קאונסיל, כדי צו באשטימען אין וואס יעדער קלאס נויטיגט זיך און מיט וואס ער אינטערעסירט זיך. דער פלאן וועט אין דער צוקונפט דורכגעפיהרט ווערען און מען האפט [illegible] פיהרען צו א בעסערער פארשטענדיגונג צווישען די סטודענטען און די לעהרער און פאלגליך — צו א פארבעסערונג פון די לעהר מעטאדען.

די פראגע פון לעהר ביכער איז אויפגענומען געווארען און ס'איז באשלאסען געווארען, אז די עקזעקוטיווע זאל וועגען דעם אויסארבייטען א באריכט און איהם אריינברענגען צום נעקסטען מיטינג.

דער מיטינג שטעלט מיט זיך פאר א זעהר וויכטיגען אנהויב אין ארבייטער אויפקלעהרונג און ער וועט פיליכט דינען אלס א מוסטער פאר אנדערע ערציהונגס אינסטיטוציעס. ס'איז איבעריג צו ווידערהאלען דעם כלל, אז דער פרינציפ פון דעמאקראטיע פארערט, דאס אלע מענשען וועלכע זיינען פארבונדען מיט א געוויסער טעטיגקייט זאלען אנטיילנעהמען אין דער דאזיגער טעטיגקייט. די ארגאניזאציע פון לעהרער און סטודענטען פארשטעהער איז דעריבער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט נישט בלויז פאר דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, נאר פיליכט אויך פאר דער אויפקלעהרונגס־באוועגונג פון דער גאנצער ארבייטער וועלט.

לאוער בראנקס יוניטי סענטער וועט פייערען זיין ערעפענונג מיט א גרויסאטיגען קאנצערט און באל.

דער מיזיניק פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל איז דער „לאוער בראנקס" יוניטי סענטער אין פאבליק סקול 43, וועלכער איז געעפענט געווארען לעצטען נאוועמבער. דאס איז דער זיבעטער יוניטי סענטער וואס דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ארגאניזירט אין די לעצטע 4 יאהר, און ער קוקט אויס צו זיין א געזונטער, בראווער יונג.

אין דעם דאזיגען סענטער איז פאראן א גרויסע צאהל קלאסען און א צימליך גרויסע צאהל סטודענטען. אלע טאג קומען צו נייע סטודענטען און פון דעם זעלבען מין, ווי אין די איבעריגע סענטערס — אינטעליגענטע, פלייסיגע, דורשטיג צו לערנען און וויסען, מיט דער מיטווירקונג פון דעם פרינציפאל פון סקול, מר. מעלווין אפערמאן, און מיט דער לאקאלער אויפזועהערין, מיס בלענטש לינטש, האט זיך דער דאזיגער יוניטי סענטער גאנץ גוט ענטוויקעלט.

די סטודענטען פון דעם, ווי פון אנדערע סענטערס, קריגען א סיסטעמאטישען, גוט־געפלאנטען אונטערריכט אין דער ענגלישער שפראך. יעדער סענטער האט קלאסען אין ענגליש פאר אנפאנגער, פאר די וואס קאנען שוין מעהר אדער וועניגער די שפראך, און אויך העכערע קלאסען. אויסגעצייכענטע לעהרער, באשטימט פון דער באארד אוו עדיוקיישאן, אונטערריכטען אין די דאזיגע קלאסען.

אויסער אט די קלאסען פלאנט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר יעדען יוניטי סענטער קלאסען איבער דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג. אין דעם לאוער בראנקס סענטער ווערט אזא קלאס אנגעפיהרט פון דעם באקאנטען מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל, מאקס לעווין אלע דאנערשטאג אווענט.

דאנערשטאג אווענט איז דער „געזונדהייט אווענט" אין אלע סענטערס. די סטודענטען אין פאבליק סקול 43 קריגען אלע אויך אונטערריכט אין פיזישע איבונג אונטער דער אויפזיכט פון מיס לינטש, וועלכע איז איינע פון די בעסטע לעהרערינס אין די פאבליק סקולס פון שטאדט. אויסער דעם ווערען אויך אלע דאנערשטאג געהאלטען לעקטשורס איבער היגיענע אין אלע סענטערס. די דאזיגע לעקטשורס ווערען געגעבען פון די דאקטוירים פון דער „ביורא אוו אינדאסטריאל הייגזשיען" און זיי באהאנדלען פראגען פון פערזענליכער היגיענע, פון שפייז און פארדייען און נאך אזעלכע פריינען, וואס האבען צו טאן מיט דעם געזונט פון די סטודענטען.

דער גייסט אין דעם נייעם יוניטי סענטער איז אן אויסגעצייכענטער. די סטודענטס קאונסילס ארבייטען האנט אין האנט מיט דעם עדיוק. דעפארטמענט. א סך פון די איצטיגע מיטגלידער פון די קאונסילס זיינען שטאלץ דערמיט, וואס זיי האבען געהאלפען ארגאניזירען דעם דאזיגען צענטער, וועלכער איז איצט געווארען נישט נאר א פלאץ צו לערנען, נאר אויך צו פארברענגען פאר די מעמבערס וואס וואוינען אין דעם געגענט.

צו פייערן די ערעפנונג פון דעם נייעם צענטער האט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ארגאנזשירט א גרויסארטיגען קאנצערט און באל אין דעם אודיטאריום פון סקול, פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, האלב נאך זיבען אין אווענט. פרעזידענט שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנאל, אב. באראף, טשערמאן פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, אלעקסאנדער פישענדלער, דירעקטאר פון דעם עדיוק. דעפ. און מיס פאניא מ. קאהן, סעקרעטער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, וועלען אדרעסירען די פארזאמעלטע און זיי גראטולירען מיט דער ערעפענונג פון דעם נייעם אויפקלערונגס־סענטער.

פראפעסיאנעלע מוזיקער וועלען אויף'ן קאנצערט שפילען קלאסישע און לייכטע מוזיק. אן אויסשטעלונג צוגעגרייט פון די סטודענטען פון דעם צענטער, וועט אויך זיין א טייל פון דער פראגראם. נאך דעם קאנצערט וועט דער עולם קאנען טאנצען אין דער דזשימנייזיום פון סקול.

מיטגלידער פון די סטודענטס קאונסילס וועלען זיין די אשערס, און אלע אנדערע צענטערס, ווי' אויך דער ארבייטער אוניווערזיטעט, וועלען דארט זיין פארטראטען דורך זייערע באטרעפענדע סטודענטס קאונסילס.

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען טיקעטס פריי אין דעם יוניטי סענטער ביי מיס בלענטש לינטש, אין די אפיסעס פון די לאקאלע יוניאנס און אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 31 יוניאן סקווער.

ס'איז צו האפען אז די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע וואוינען אין יענעם געגענד וועלען קומען מיט זייערע פריינד צו פייערן די ערעפענונג פון דעם נייעם צענטער־פונקט פון ארבייטער בילדונג.

א נייער קלאס אונטער מר. סאוועל זימאנדי, פון דער ביורא אוו אינדאסטריאל ריסוירטש.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט ערעפענען א נייעם קלאס, איינגעפיהרט פון מר. סאוועל זימאנד, מיטוואך, דעם 2טען פעברואר. מר. זימאנד איז א באוואוסטער פובליציסט און איז איצטער פארבונדען מיט דער „ביורא אוו אינדוסטריעל ריסוירטש". ער איז דער פארפאסער פון פיעלע ארטיקלען איבער די אינדוסטריעלע און פאליטישע באדינגונגען אין איראפא און אמעריקא.

איינצעלהייטען וועגען נייעם קלאס וועלען אין גיכען אנאנסירט ווערען.

א קלאס איבער געשיכטע פון ציוויליזאציע, אונטער'ן אויפזיכט פון מר. ספענסער מילער.

לעצטען שבת, 2:30 בייטאג האט זיך פארזאמעלט א גרויסע צאהל סטודענטען אין דעם נייעם קלאס איבער דער געשיכטע פון ציוויליזאציע, אנגעפיהרט פון מר. ספענסער מילער. מר. מילער האט אין

אלגעמיינע שטריכען איבערגעגעבען דעם כאראקטער פון דעם נייעם קלאס, אין וועלכען עס וועלען באטראכט ווערען אזוינע פראגען, צום ביישפיעל, ווי דער ראציאנאלער, פאליטישער, אינדוסטריעלער און סאציאלער הינטערגרונד פון דער איצטיגער געזעלשאפט. דער געגענשטאנד איז פון גרעסטען אינטערעס פאר די וואס פארשטעהן דעם „פארוואס" פון די הייטיגע איינריכטונגען.

די וואס ווילען זיך פארשרייבען אין דעם קלאס זאלען זיך צושטעלען.

קלאסען אין הייסקול ענגליש אין איסט־סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63.

דער קלאס אין היי סקול ענגליש, אנגעפיהרט פון מר. ל. מארקס, איז אין פולען גאנג. עס איז ראטזאם, אז די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל זאלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו לערנען די העכערע שטופען פון דער ענגלישער שפראך און ליטעראטור אונטער א פעהיגען, ערפארענעם לעהרער. די סטודענטען קריגען דארט אויך א סך איבונג אין שרייבען קאמפאזישאנס, אין רעדען פאר אן עולם, א. אז. וו. ס'איז פארבליבען פלאץ נאך פאר עטליכע. די וואס ווילען זיך פארשרייבען זאלען זיך זעהען מיט דער לאקאלער אויפזועהערין, מיס איווא קאהען. דער קלאס ווערט געגעבען מאנטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אין אווענט.

קלאס אין הייסקול ענגליש אין דעם הארלעמער יוניטי סענטער.

אין הארלעמער יוניטי סענטער, פאב. סקול 171, 103טע סטריט, נעבען 5טע עוועניו, ווערט אנגעפיהרט א קלאס אין הייסקול ענגליש פון מר. אייזאק בילדערסי, פון דע וויט קלינטאן היי סקול. אין דעם קלאס וועט אויפגענומען ווערען די ענגלישע ליטעראטור, שרייבען קאמפאזישאנס, און פאבליק ספיקינג. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ראט די מעמבערס פון יענעם געגענד זיך צו באנוצען מיט דער געלעגענהייט. נאך אויסקונפט ווענדט זיך צו מיס מערי רוטה קאהען, אויפזועהערין פון דעם הארלעמער יוניטי סענטער.

לעקטשורס.

די נעקסטע לעקטשור אונטער'ן אויפזיכט פון דער דזשאינט עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 9 און 1 וועט געהאלטען ווערען פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, אין דער לאנדאן קאסינא, 3875 3טע עוו., בראנקס. דער לעקטשורער וועט זיין מר. ה. בורגין, און די טעמא: „די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא."

פילאדעלפיא: פראפ. דזשאהן קארפער פאואיז וועט פארענדיגען זיין סעריע לעקטשורס פאר די מעמבערס פון לאקאל 15, פראטאג, דעם 28טען יאנואר, מיט א לעקטשור איבער טאלסטאי און טורגעניעוו.

דער אגרימענט פאר דער דרעס אינדוסטריע איינשטימיג אנגענומען

עס איז ניט געווען קיין סוד, דאס פאר די לעצטע צייטען זיינען אפגעהאלטען געווארען פילע קאנפערענצען צווישען דעם דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע פון איין זייט, און פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, פון דער צווייטער זייט. אויף די קאנפערענצען איז אויך געווען פארטראטע; ב. שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער האט, נאטירליך, פיל בייגעטראגען צו דער אויסארבייטונג פון דעם אגרימענט.

דעם דינסטאג האבען די מיטגלידער פון אלע לאקאלס, פארטראטען אין דעם דזשאינט באארד, זיך פארזאמעלט אין די ביידע גרויסע האלס, אין וועבסטער און בעטהאווען האלס, צוערשט אום צו דיסקוטירען אלע פונקטען פון דעם אגרימענט, און דאן צו שטימען.

דער רעזולטאט, ווי מען האט אנדערש ניט געקענט ערווארטען, איז פאלשטענדיג צופרידענשטעלענד. דער גאנצער אגרימענט, מיט דער אויסנאהם פון איין פונקט, נעמליך, פון איינפיהרונג פון א 5־טאגיגער ארבייטס־וואך מיט די זעלבע 44 שטונדען, איז גוטגעהייסען. ווארום דער איין פונקט איז צוריקגעוויזען, וועלכער, לויט אונזער מיינונג, קען נאר זיין העכסט ניצליך פאר די ארבייטער, איז שווער צו באגרייפען. נאר דאס איז שוין די זאך פון די, וועלכע האבען געשטימט. זיי האבען דאך א רעכט צו האבען זייער אייגענע מיינונג, אפילו ווען זי זאל זיין וועהר א פארגרייזטע, און דער דזשאינט באארד האט ניט די קלענסטע אבזיכט ארויפצוצווינגען עטוואס אויף די ארבייטער געגען זייער ווילען, מעג עס זיין דאס סאמע בעסטע.

אויף דעם זעלבען מיטינג איז אויך אנגענומען געווארען פאלגענדער באשלוס:

„אזוי ווי מיר האבען א צאהל יוניאן־שעפער אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, אין וועלכע עס ווערט געארבייט אונטער ניט יוניאן באדינגונגען,

„אזוי ווי דיזע ניט יוניאן שעפער זיינען א געפאהר פאר די הערשענדע יוניאן־סטאנדארדס אין די יוניאן שעפער, און דורך זיי ווערען אונטערגעגראבען די יוניאן־סטאנדארדס אין דער אינדוסטריע, וועלכע מען האט ערקעמפט דורך פילע יאהרען פון קאמף פון די ארגאניזירטע ארבייטער אין דער אינדוסטריע,

„זיי עס באשלאסען, דאס דער דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, וועלכער האט גאר וואס געשלאסען א קאלעקטיווען אגרימענט מיט די דרעס־מאנופעקטשורערס, וועלכער פארזיכערט פאר די ארבייטער יוניאן־באדינגונגען אין דער אינדוסטריע, ווערט דערמיט אינסטרואירט צו רופען א דזשענעראל סטרייק אין אלע ניט יוניאניסטישע וויסט און דרעס שעפער, וועלכע זיינען נאך ניט אריין אין קאנטראקט־פארהעלטניסע מיט'ן דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. די צייט, ווען דער סטרייק זאל גערופען ווערען, ווערט באשלאסען פון דעם דזשאינט באארד.

„און עס איז אויך באשלאסען, דאס מיר פארפליכטען זיך צו געבען אונזער הארציגסטע שטיצע צום דזשאינט באארד אין דער פיהרונג פון דיזען דזשענעראל סטרייק; מיר זאגען צו אונזער פולסטע מיטווירקונג צו מאכען דעם סטרייק פאר אן ערפאלג פאר דער בענעפיט פון אלע ארבייטער; וואס זיינען באשעפטיגט אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע."

דורך דיזער רעזאלוציע וועט דער געפלאנטער דזשענעראל סטרייק פון די דרעס מאכער באדייטענד פארגרעסערט ווערען. ווייל אין אנפאנג האט דער סטרייק נאר געזאלט ארויסגערופען ווערען בלויז אין די דרעס שעפער. לויט דער רעזאלוציע, וועט דער דזשענעראל סטרייק ארומכאפען די גאנצע וויסט און דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק.